STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06240

LAYB UN LEBN

Leah Beatus

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאה ביאַטוס

לייַב און לעבן

For the Library

לאה ביאַטוס

לײַב און לעבן

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „קיום“

תל־אביב תשמ״ב

LEAH BEATUS

SOUL AND LIFE

Copyright by Leah Beatus

Printed in Israel 1982

נדפס בישראל תשמ"ב

סידור והדפסה: דפוס משה חמיאל

יצחק שדה 34, תל־אביב 67212, טלפון 33 05 55

לאה ביאַטוס

אַ מצבה

אויפֿן אומבאַקאַנטן קבר
פֿון מײַן פֿאָטער און מוטער,
שוועסטער און ברידער,
קרובים און בני עיר.

הקדמה

לאה בעאַטוס איז נישט קיין פּנים חדשות אין דער ייִדישער ליטעראַטור. זי האָט פאַר דער מלחמה דעביוטירט אין צײַט־שריפטן, אין ליטעראַרישע זשורנאַלן אין ווילנע, נישט ווײַט פון איר געבוירן־שטאָט — כאָמסק.

נאָך דער מלחמה גייט זי ווײַטער אָן מיט איר שאַפן און דער פּועל־יוצא איז אָט די לידער־זאַמלונג, וואָס וועט זיכער ציִען די אויפמערקזאַמקייט סײַ פון דער קריטיק סײַ פון ערנסטן לייענער, ליבהאָבער פון פּאָעזיע.

דאָס מיוחד־במינודיקע פון די לידער און פּאָעמעס — און די דערציילונג צום סוף פון בוך — איז אין דער ווירקלעכקײטלעכער פון וואָרט, אין דער מאָלערישקייט פון בילד, אין אימאַזש און אמת פון קינסטלערישן אויסדרוק.

אויך דאָס אינטים־לירישע איז פון עפּישן כאַראַקטער. עס איז עכטע איבערלעבונג פון אַ יחיד, וואָס ווערט אויך די נחלה פון כּלל.

ווי אַ ייִדישע טאָכטער, דערצויגן אין אַ רעליגיעזער, שטרענג־פרומער שטוב — דער טאַטע אַ תּלמיד־חכם, די מאַמע שטאַמט פון אַ רבניש־לומדישער משפּחה, וווּ ייִדישע מסורה איז געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט וועלטלעך וויסן — האָט די מחברין אײַנגעזאַפּט אין זיך מקורותדיק־טראַדיציאָנעלע אהבת ישׂראל און אהבת הבריות.

דאָס דאָזיקע קומט אויף אַן אָריגינעלן אופן צום אויסדרוק אין איר פּאָעטישן לשון און איר טיף־יסודותדיקער קענטשאַפט.

די דיכטערין ברענגט צום אויסדרוק אין איר ליריש־לויטערער שירה דאָס גורלדיק־ייִדישע און כּלל־מענטשלעכע מיט אַ סך בענקשאַפט און קרענקשאַפט פון אַ דור — דער דור פון דער מחברין — פון פאַר און נאָך דער שואה ביזן באַטרעטן די ערד פון ארץ־ישׂראל.

ווען דעריבער דער העכסטער און בעסטער שׂכר פאַר דער דיכטע־רין זײַן דער גײַסטיקער געניס און פאַרגעניגן פון לייענער צו וועמען די לידער־זאַמלונג וועט אַוודאי דערגרייכן (אַ ציקל לידער פון אַ בוך אין עברית, וואָס געפינט זיך אין דרוק).

דערמיט וועט די מחברין אויך האָבן דערגרייכט דעם ציל, וואָס זי האָט זיך געשטעלט מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך „לײַב און לעבן".

וועט אָט די לידער־זאַמלונג זײַן אַ פאַרשפּעטיקטער אָבער נישט לעצטער צושטײַער צום קיום און צו דער גערײַיונג פון ייִדישן ליד אין ישׂראל.

ש. וואַרזאַגער

איכיש

פאַר וועמען

פאַר וועמען מײַן ליד זאָל איך זינגען,
ווער דאַרף מײַנע לידער?
דער תּליון דעם שטריק איבער האַלדז
פאַרציט שוין ווידער.

תּפילה, מײַן תּפילה, פאַר וועמען?
ווער וועט ס׳געבעט מײַנס דערהערן?
בלעכענע הימלען — פאַרקאָוועט, פאַרשלאָסן.
פאַר וועמען מײַן תּפילה, די טרערן?

אומרו, באַפליגלטער טרויער,
וווּהין יאָגסטו מיך ווידער?
איבער מדבר פון לעבן?
איבער זעקס מיליאָן גריבער?

פאַר וועמען מײַן ליד זאָל איך זינגען?
פאַר וועמען מײַן תּפילה?
דער שער איז פאַרריגלט — נעילה.

דאָס גאָלד פון מײַן זון

כ׳האָב דאָס גאָלד פון מײַן זון
און ס׳ליכט פון מײַן טאָג
פֿאַר אַ גראָשן דיר אָפּגעגעבן.

אין ליכטיקע טעג,
ווען הימל איז בלוי
רוט דער האַרבסט אויף מײַן לעבן.

נאָר ווער מסוגל ס׳איז פֿאַרשטיין
די נאַכט און דעם טוי —
פֿאַר יענעם מײַן טרוים כ׳וועל פֿאַרקנאַסן.

כ׳וועל ס׳ליכט פון מײַן טאָג,
דאָס גאָלד פון דער זון
צעגיסן אויף פּוסט־וויסטע גאַסן.

די זון

זון פֿאַרגייט, זון גייט אויף,
זי איז קיין מאָל נישט מיד.
איז מילד און הייס,
גלעט און גליט.

פֿאַרגייט אין רויט
שײַנט אויף אין ראָז,
קושט בוים און גראָז,
גלעט אַ צאַרטן, שוואַכן שוואַלב,
דעם אָדלער און דעם וואַלד.

זון איז מײַן חבר הײַנט,
אין אַ קלייד אַ לופּטיקס, גאָלדיק־העל
זעצט זיך
בײַ מײַן שוועל.

מײַן שוועל. —
ווער קאָן דען נישט מײַן הויז?
צעבראָכן, שוואַרץ, קיין טיר, קיין דאַך:
נאָר ס'שרעקט זיך זון נישט פֿאַר קיין זאַך,
קומט אומעטום אַרײַן — אַרויס.

דייַן אַלבאָם

אַ געלע בלעטל, אַ פאַרוועלקטע בלום,
מען זען דייַן אונטערשריפט קוים־קוים,
ס׳אָטעמט טויט אַרויס און שטום.

כ׳פיל מייַן פולס קלאַפּט נישט מער,
פאַרפרוירן איז מייַן טרער.

איך קוק זיך איַין און זע,
ווי אַ פינטל וואָלט געטאָן דייַן אויג. —
ווי דייַן בליק וואָלט אויפגעלעבט צוריק.

טונקל ווערט אַרום,
כ׳פיל עס עפנט זיך די טיר,
קומסט אַרייַן צו מיר. —

כ׳הער ווי אַמאָל דעם זעלבן טאָן:
— געליבטע,
היט דעם אַלבאָם.

טונקל איז דער וואַלד

טונקל איז דער וואַלד
און אַלט.
כ'האָב אַ סוד אים צו דערציילן:
ווען איך וועל נישט זײַן מער,
וועלן מײַנע ביינער
רוען דאָ.

נאָר ביז דעמאָלט
כ'האָב אַ סך נאָך,
אַ סך נאָך וואָס צו טאָן.
...וויאָרסטן לאַנגע איז מײַן וועג,
הוראַגאַנען — מײַנע טעג.

וועל איך שפּאַנען גיך און גיכער,
כ'האָב נאָך אויפצוטאָן אַ סך. —
ביז דער לעצטער שעה
צום וואַלד דעם אַלטן —
מיך וועט נישט אָפּשרעקן קיין זאַך.

אָוונטבלי

אָוונטבלי איז פאַר מיר די בעסטע צײַט.
דעמאָלט זע איך שיפן שווימען ווײַט.
דעמאָלט זענען תּפילות לויטער־אויסגעהעלט:
ס'איז פאַראַן אַ וועלט, ס'איז נישטאָ קיין וועלט.

פאַלן טרערן ריינע — פּערלטוי.
זעט זיי נאָר דער אָוונטבלוי. —

צווײַגן טוליען זיך צו אָוונטשײַן.
ווילסט פון וועלט אַוועק, ווילסט מיט וועלטן זײַן.

שעפּטשעט דיר די נאַכט אַרײַן
צאַרטע, זיסע רייד:
ווערט דיר גוט אַזוי,
פילסט אַזאַ מין פרייד.

אין האַרצן עפּעס נאָגט,
עפּעס נאָגט און קוועלט:
ס'איז פאַראַן אַ וועלט,
ס'איז נישטאָ קיין וועלט.

האַרבסט־שטימונג

נו שוין זשע איז די צײַט געקומען?
מער האָב איך נישט ליב קיין זונען. —

דער פרילינג־אָוונט ברענגט מיר פּײַן,
דערמאָנונגען, בדידות און טרויער.

פון בלומען כ'פיל נישט מער דעם ריח. —
דער גלי פון שטערן — קאַלט און בלייך.

און אויף קאָפּ דעם גראָען — שניי, שניי, שניי.
קאַלט אין דרויסן — שטורעם און זאַוויי.

כ'הער דעם עכאָ פון דײַן שליטל.
אָ, וויפל יאָרן זענען שוין אַריבער:
ס'פּויקט אַ האָגלרעגן אין די שויבן. —
און איך וואַרט, קוק אַרויס צום האַרבסט דעם טריבן.

*

שפּילט ניגונים אויס דער ווינט.
ס׳וואַלגערן זיך בלעטער.
ס׳פּיַיפט דער קוימען אַזש צו סטעליע,
האַלטן אונטער די קאַפּעליע. —

ווייַנען וואָלקנס אויס די אויגן,
זיצן שיבעה נאָכן זומער. —
בעריאָזקעס, ווי אַלמנות שטייען, פאַרוויינטע,
— וויי איז צו מיר, וויי איז צו מיר.

הינט צעבילטע ווייַנען, קלאָגן
זוכן ווו זיך צו באַהאַלטן
ווינטן, רעגנס טראָגן, יאָגן
איבער פעלד צום וואַלד דעם אַלטן.

פוילע קעץ מיט לאַנגע עקן
שפּרינגען איבער נאַסע דעכער.
פייגל זוכן נעסטן, זיך פאַרשטעקן
אונטער פענצטער אין די לעכער.

ווינטמיל דרייט זיך, מאַכט הקפות.
דרייען זיך, ווי אָנגעשיכורט,
ווי אַמאָל אין שׂמחת תּורה
ייִדן מיט אַ פלעשל ליקער.

*

ווי אַ נשמה־ליכט גוססן מײַנע טעג.
ווידער וועלקן בלומען בײַ מײַן פענצטער.
האָפענונגען, טרויער, ווי געשפּענסטער,
רײַצן זיך מיט מיר. די נשמה זעגט אַ גריל.

שווײַג איך,
האַלט מײַן אָטעם אײַן:
טרערן שטיקן, ברענען,
טרערן אָן געוויין.

אַן עבד בין איך צו אַלע דײַנע באַגערן
און, ווי אַן עבד וועל איך זיך ווערן
און בלײַבן פרײַ,
ביז די נאַכט די לאַנגע וועט אַריבער
וועל איך צו מײַן שירה
ווידער זיך צוהערן.

האַרבסט

מיר האָסטו אַ בלום געשענקט
איר — דײַן שמייכל.
בלומען וועלקן, בלומען שטאַרבן,
ווי נאָכן שניט — די גאַרבן.

האַרבסט — איך און דו
צוויי פרײַנד פאַרבליבן.
דו באַווײַנסט דײַן זײַן דעם טריבן
איך — מײַן ליבן.

אַ דאַנק דיר

אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר
פאַר גליק און פאַר טרויער,
איך הער דײַנע טריט נישט
מער בײַ מײַן טויער.

דײַן שמייכל — פאַר יענער, דער צווייטער.
פאַר מיר — צוויי בלימעלעך געלע.
דו ווייכסט אויס דעם שטעג צו מײַן טויער,
דו גייסט אים פאַרבײַ און גייסט ווײַטער. —

איך וויל דיך פאַרגעסן.
איך וויל דיך מער נישט דערמאָנען. —
נאָר אײַנגעקריצט אין מײַן האַרץ ביסט,
ווי אויף אַ מצבה — אַ נאָמען.

טאָ שנײַד מיר מײַן האַרץ אויס,
וואַרף עס פאַר ווינט, וואַרף עס אין פלאַמען.
מײַן האַרץ און דײַן נאָמען
פאַרשווינדן זאָלן צוזאַמען.

מידקייט

כ׳בין שוין מיד פון הײַנט, פון נעכטן
און פון מאָרגן.
טאָג־טעגלעך גרויע טעג, אָן פאַרבן.
נו, איז אַ פּחד
דאָס שטאַרבן?

איבער מײַן קבר װעלן מורמלען
ביימער צאַרט אַ תּפילה.
בעריאָזקעס שלאַנקע, שטילע
שעפּטשען װעלן אַ לעגענדע. —

כ׳ליג אָן אָטעם, אומבאַװעגלעך.
איבער מיר — אַ חלום װעבט זיך:
— געװען איז עפּעס דאָ,
— געװען און איז נישטאָ.

עפן הימל דײַנע פענצטער

עפן הימל דײַנע פענצטער
כ׳ברענג פאַר דיר מײַן תּפילה,
אין פראָסטע װאָכעדיקע טעג
באַגלײט פון טרערן שטילע.

נישט קײן טשאַטע װײַסע טױבן
כ׳ברענג פאַר דיר מײַן גרױ:
די אָדערן אויף מײַנע הענט,
זײַנען װי דער הימל בלױ.

מײַן חלום װײנט פאַרמשפּנט
אין װײַטער הױך בײַ דיר
און די נאַכט פאַרעקשנט,
װאָיעט בײַ מײַן טיר.

עפן, הימל, דײַנע פענצטער.

אֲלטהיים

נישטאָ שוין קיין זכר

נישטאָ שוין קיין זכר אין פוילן
פון ייִדישע שטעטלעך.
ס׳פינקלען בלויז שטערן —
קאַלט און פרעמד.

ס׳ציטערן נישט מער
אין די שויבן
שבתדיקע פלעמלעך
ביי בענטשנדיק־מאַמעשע הענט.

מנינים אין שולן
אַוועק אָן אַ שפור. —
בעבעכעס לעצטע, ייִדישע —
אויף אַ פויערישער פור...

ס׳זינגען שוין מער נישט
שוסטער־ און שנײַדער־געזעלן:
נישט קיין כל־נדרי־ניגונים,
אויך נישט: „בײַ מיר ביסטו שיין".

ס׳הערן מער נישט די שטערן
די ייִדישע, האַרציקע טענער.
פאַריתומט, פאַרשווונדן
זיי זענען אין העכערע ספערן. —

איינזאַם שפּאַצירט די לבנה
און גאַפט צו פאַרשׂרפהטער שול,
ווו ייִדן מיט טענץ און מיט תּפילות
זיך געפרייט, זיך געטרייַסט אַלע מאָל.

און ס׳פאַלט די לבנהשע שײַן אויף אַ טײַכל,
אַ פישל, וואָס פליעסקעט, אַ שיף אויף וועלן:
אויף אַ פויגל, וואָס וועקט פון שלאָף זיך,
אויפן פרימאָרגן, וואָס נעמט זיך צו העלן.

ס׳עפנט זיך אַ קנאָספ — דעם טאָג אַ מתּנה.
אין מײַן האַרץ — אַ פײַערגריל —
אַ קדיש נאָך פאַרלוירענע נשמות.

ליטע

היימיש־אומפאַרגעסענע, פוילישע ליטע,
נישט געבוירן איז אין תּורה נאָך דיר קיין יורש.
ווי אַזוי האָבן טמאים געהאַט אַ שליטה
עוקר זײַן דיך ממש מיטן שורש?

אמר רבי; געקלונגען האָט די אשמורה,
סתּם משנה האָט אויסגעשפּילט אַ ניגון;
„תּורה איז די בעסטע סחורה". —
פלעגן מאַמעס קינדערלעך פאַרוויגן.

אַפילו אָרע דער בעל־עגלה
לן בעמקה של הלכה,
שמירנדיק די רעדער
ס'האָט אבר־אוֹרין אויך געוועזן
חאַצקעלע דער בעדער.
מען האָט די תּורה אַזש פון סיני
אַראָפּגעבראַכט קיין ליטע
אויף מקיים זײַן די צען געבאָטן,
געלערנט אַפילו ליגנדיק אין מיטה,
אין יעדן ביסן ברויט תּפילה אַרײַנגעקנאָטן. —

אָנגעגרייט שוין איז דאָס פּעקל ביינער. —
וואָס מ'שטיינס געזאָגט אַ מענטש איז?
עפר ואפר...
אַזוי האָט מײַן טאַטע־קרוין געלערנט מוסר־שיטה,
נישט אויפגעהויבן זײַנע אויגן בלויע האָט ער
פונעם ספר.

„נחמו נחמו עמי" *

פאַרנעם אין דייַן וואָגל, אייביקער ייִד
מייַן טרייסטליד:
דיך וועלן מיתות של בית־דין
נישט קאָנען פאַרניכטן.

---

* **ישעיהו**, פרק מ'.

אייביק פֿאָלק מײַנס.
ביסט די אֶינסופֿיקייט,
דו ביסט היסטאָריע.

דו ביסט הייליקער גראַניט
און ניט
טאָרקוועמאַדאַס, אויסשוויץ, מײַדאַנעק
װעלן דיך צעברעכן.

דײַן זיידע ש״ס
איז דײַן פּלי־זין:
אוראַלטער קוואַל —
יש מאַין...

ס׳ליכט פֿון די לוחות אין דיר.
אין דיר — דער סנהיקער פֿלאַם.
בדמיך חיי — דײַן שטאַם.

דו שורשט אין מעשׂה יצירה.
דײַן דאָזײַן איז — שירה.

מיליאָנען זענען געפֿאַלן.
זייער גײַסט אַ שפּראָץ טאָן
װעט פֿון אַלטע קוואַלן. —

די אַשן צעזשאַרען װעלן זיך
און גליִען:
פֿון אייביק ביז אייביק
װעט דער שטאַמבוים בליִען.

פאַר וואָס ?

פאַר וואָס שײַנט די זון דאָרט ?
פאַר וואָס וואַרעמסטו רוצחישע הענט ?
פאַר וואָס שענקסטו זיי דאָס ליכט פון טאָג ?
זאָג :
— זאָל פינצטער זײַן דײַן לאַנד.

פאַר וואָס בליט דער סאָד דאָרט,
דער קאַרשנבוים,
דער עפּל
און די פלוים ?
פאַר וואָס שמייכלען קינדער דאָרט
צאַרט און פריש ?
מאַמעס, טאַטעס אַרום טיש ?

פאַר וואָס זאָגסטו נישט :
— אַ פײַער, אַ בראַנד,
אין מערדערס לאַנד ?

ליבשאַפֿט

בענקשאַפט

א

אַוועק ביסטו צום ים דעם בלויען
אַ שיף געוואַרט האָט דאַן אויף דיר.
שלאַנק און יונג — אַ צעדערבוים,
איך און דו — אַ ראָזער טרוים.

כ'זע נאָך איצט דײַן לעצטן שמייכל.
די וועלט האָט דאַן פּאַר אונדז געבליט. —
כ'הער נאָך דײַן שעפּטשען:
— וואַרט, געליבטע, איך קום צוריק.

כ'ווייס נישט צי די ווערטער מײַנע
וועלן צו דיר גרייכן;
אָפּקלאַנג פון דער שטימע דײַנער
האָט לאַנג פאַרשווענקט אַ כוואַליע.

פון נעכט אין בלויען ציטער,
אין גלי פון שטערן שטומע
האָט אַ שיף פון לאַנג פאַרטראָגן
אויף די פליגל פון געוויטער. —

לויפן יאָרן.
צאַנקט די צײַט.
ביסט מיר אַזוי נאָענט,
ביסט מיר אַזוי ווײַט.

ב

זוך איך דיר אין אָפּגרונט,
זוך איך דיך צווישן וועלן. —
שײַנט די זון אויף גאָלדיק־בלאָנד,
כ׳זע דײַן קאָפּ דעם העלן.

זוך איך דיר צווישן שטערן,
זוך איך דיך אין רעגנבויגן. —
שמייכלען זילבערטראָפּנס־טרערן,
און דערמאָנען דײַנע בלויע אויגן.

אומזיסט אומנישט דײַן זוכן
ברומט דער ים מיט צאָרן אויס
און די כוואַליעס, ווי שאַקאַלן
לאַכן פון מיר, לאַכן אויס.

*

פרילינגס לויפן גיך פאַרבײַ
נאָר בײַ מיר איז — האַרבסט...
אויף קאָפּ מײַן גרויען —
שנייעלעד פאַלן, פאַלן...
און עס וואָיען, וואָיען די שאַקאַלן...

מוזע

איך האָב דיך געטראָפן.
דו ביסט מיר פאַרלאָפן
דעם וועג. —

מיט אויגן פאַרליבטע
געשמייכלט צו מיר,
באַפליגלטע טרוימען
געבראַכט צו מײַן טיר.

געווישט מײַנע טרערן
מיט האַנט דײַנער, צאַרט:
מיט זיסע חלומות
פאַרוויגט מיך, גענאַרט.

צעשמייכלטע ווערטער
געשעפטשעט צו מיר.
דער ערדישער ציטער
פאַרטריבן פון מיר.

הללויה

שווימען, יאָגן שטראַלן אויף דער ערד,
ווי כוואַליעס אינעם ים.
זון פאַרפלייצט דעם ברוק האָט
מיט פרילינגדיקן, גרינעם פלאַם.

וועבן אין דער לופטן זיך ניגונים העלע,
ליכט־סימפאָניעס שפּילט אויס דער טאָג.
שאָפּען וואָלט זייַן טרוים מיט פינגער שמאָלע
אויף קלאַווישן אויסגעשפּילט אַצינד מיט זיסן קלאָג.

ס'צאַפּלט וועלט אַצינד אין פייַערפלאַמען,
ווי דער סנה זי לייַכט אַצינד און ברענט. —
„נאַשפּיץ" רייַט ער אויף אַ גילדענעם געשפּאַן
און גלעט די ערד מיט פלאַמענדיקע הענט.

אַ ניגון טראָגט זיך ערגעץ פון דער ווייַטנס
שמעלצט זיך איבער אין אַ שטיל געזאַנג. —
דאָס זינגט אַזוי בראשית אויף ליפּן מייַנע
אַ שטילן הללויה אָן ווערטער און אָן קלאַנג.

האַרבסטיק

ס׳שמעקט אין דער לופטן מיט גרינקייט מיט פוילער.
און ס׳גוססן ביימער האַרבסטיקע, הוילע.

גאָלד־פּאַסן געלאָשענע שיט דער טאָג דער גרויער.
ס׳שטייען בעריאָזקעס פאַרשלייערט אין טרויער.

ס׳האָט הימל פאַרצויגן מיט רויטקייט פאַרראָסטע
דעם טונקעלן וואַלד, די יאָדלע, די סאָסנע.

ס׳טאַרטשען די קאָרטשעס, ווי וועלפּישע ציינער,
פאַרנעפּלט, פאַראומערט די קרוינען פון ביימער.

ס׳וויינען די פעלדער די וועלדער צוקאָפּנס
מיט האַרבסטיקע טרערן, טראָפּן נאָך טראָפּן.

נאָר איך הער ס׳געוויין. נאָר איך אַליין נאָר:
צום טרויער, וואָס טראָגט זיך פון ביימער,

פון פעלדער נאָך שניט: פעלדער טריבע.
און כ׳בענק, ווי איר נאָך יונגע טעג,

צו פרילינג, צו — ליבע.

טויבן־ליבע

בײַ מײַן פענצטער וואָרקען טויבן.
ווײַסע טויבן, צאַרטע.
וואָרקען, וואָרקען טויבן ווײַסע,
ליבע געסט געגאַרטע.

כאַפּ איך מיר אַ פּאָרל ווײַסע,
קוש זיי אויס די קעפּלעך שיינע.
וואָרקען זיי מיר סודות אויס,
סודות כשר ריינע.

זאָגט דער ער; כ׳ליב מײַן טײַבל
שטאַרקער פון מײַן לעבן.
כ׳וואָלט פאַר טײַבעלעס
אַ פליגל
מיליאָנען אָפּגעגעבן.

שעפּטשעט זי מיר אַ פאַרשעמטע;
אוי, ווי כ׳ליב מײַן ליבן.
קאָנסט נישט פילן. ביסט קיין טויב נישט,
ווייסט נישט וואָס הייסט ליבע.

סײַ אין הונגער, קעלט און רעגן
זענען מיר צופרידן.
וואָרקען, וואָרקען טויבן ווײַסע,
— אַז וויל איז די, וואָס ליבן.

צווײ ווערטער

כ׳זאָג אַוועקגײן
און בלײַב מיט דיר.
כ׳גײ אַוועק און קום צוריק. —

כ׳פּיל דעם עכאָ פון דײַן ווײכער שטים,
כ׳זע דעם טרויער אין דײַן צאַרטן בליק.

צווײ ווערטער ;
אײנע בענקשאַפט,
אײנע — גליק.

כ׳גײ אַוועק
און ס׳גײט מיט מיר די פינצטערניש צוזאַמען :
און בײַם ראַנד פון טויט
כ׳הער דײַן שטים ; גײ צוריק.

כ׳זע אין גרויסע שוואַרצע ראַמען
אויסגעקריצטע ווערטער צווײ :
אײנע בענקשאַפט,
אײנע — גליק.

דערציילט מיר נישט

דערציילט מיר נישט פון פרילינג מער,
פון הימלבלוי
אומעטום איך זע און זע
אַ פּאַרמאַסקירטן מערדער־גוי.

טרייסט מיך נישט מיט בלומענטעג,
גיב אַ ביקס מיר אַ געלאָדענע מיט קוילן
און איך וועל גיין אין זייער וועג:

בלוט פאַר בלוט
אויג פאַר אויג
צאָן פאַר צאָן
קאָפּ פאַר קאָפּ.

האָסט געלערנט תמיד מיך
דעם שׂונא שוינען,
אים באַקרוינען,
ווען מען דאַרף.
מיט פּערל־ווערטער נעם אים איַין,
אויך מיט אַ שמייכל
און מיט אַ בעכער שלום־וויַין.

*

האָב איך אַ ביקס אַ געלאָדענע גענומען
און געגאַנגען אין זייער וועג. —
און מיַין האַרץ האָט געיובלט,
מיט נקמה אָנגעפילט די טעג:

בלוט פאַר בלוט
אויג פאַר אויג
צאָן פאַר צאָן
קאָפּ פאַר קאָפּ.

גרויל און גבורה

דער לעצטער וועג

אַזוי זענען זיי געגאַנגען
זייער לעצטן וועג.
פיר, פיר אין אַ ריי,
ריי נאָך ריי.
אויגן, אויגן:
פּאָליאַקן, אוקראַינער.
שמייכעלעך...
רוצחישע, טריפענע אויגן,
ליפּן שמייכלען פון הנאה...

אַן אַלטע גויע צלמט זיך,
קושט יעזוסן
אויף איר האַלדז און שיפּעט ווי אַ שלאַנג;
— אַ דאַנק.
— אַ דאַנק דיר ליבער יעזוס, האַרציקער:
זיי האָבן דיך געקרייצט, די ייִדן־רשעים,
קינדיש בלוט אין מצה פאַרקנאָטן. —
פריי איך זיך הייַנט...

ווי אַ פייַער־שפּייַענדיקער באַרג
האָט די שׂנאה ביי איר געזאָטן;
— אַ לויב, אַ לויב
— פאַר ייִדיש גוטס, פאַר ייִדיש רויב.

שטייט אַן אַלטער
אָנגעשפּאַרט אויף שטעקן,
ס׳מויל אָנצייניקע אויפגעריסן;
— אַ דאַנק, אַ דאַנק,
ייִדיש בלוט וועט זיך גיסן.
— אַ דאַנק דיר פּאַרן גרויסן וווּנדער. —
דערלעבט האָבן אַלטע אויגן זען בלוט
אויך פון ייִדישע קינדער.

ביַים קלויסטער שטייט אַ נאָנע,
ווי אַ קראָ אין שוואַרצן,
די הענט אויפן האַרצן
און דאָס פרומע פּנים
אין וויַיסן,
אין די וואַסערדיקע אויגן —
מעסערדיקער גלאַנץ:
— אַ דאַנק, אַ דאַנק,
אויסגעשלאָגן שוין די גוטע שעה,
געקומען שוין די ציַיט,
אַ לויב דיר יעזוס פאַרן משפּט דעם גערעכטן.

✶

ווער האָט זיי אָנגעטרונקען
מיט בלוטיקן האַס
צו דיר,
ברודער מיַינער,
ייִד?

זיי קומען צוריק

זיי קומען צוריק יעדן טאָג מיט דער שקיעה,
פֿאַרשווינדן ווען ס'הייבט אָן די זריחה.

גאונים, צדיקים, עוקרי־הרים און סיני
און פּלפּלען די דינים פֿון זביחה.

ש"ס, שולחן־ערוך, בית יוסף, מסכת זבחים
חולין תּמורה ערכין,

צעפּלינדערטע קערפּערס, צעפּליקטע אֵברים
נישטערן אין מסכת־זבחים.

ברומט איינער, דער קאָפּ צעשפּאָלטן אויף צווייען,
שטעקט אַ מעסער אין קאַרק, ווי אַ גולע,
האָב איך דען נישט געלערנט
השוחט מן העורף שחיטתו פּסולה?

בין איך פּסול פֿאַר אַ קרבן
זאָגסטו אין דייַן תּורה
שכּל עורף כּשר למליקה

לערנען נשמות פֿון אונטער כּסא־הכּבוד
די דינים בשתיקה.

אַמפּערן זיך, ווי אַ מאָל
אין ישיבה בייַם שטענדער,
און אַנטרינען ווען ס'הייבט אָן די זריחה.

צו מײַן יוגנט־חברטע נאַטאַ

חברטע דו מײַנע, נאַטאַ,
געקעמפט צוזאַמען בײַם בולוואַר,
נעבן דער אײנזאַמער, גרויער כאַטע,
וווּ געלויערט האָט געפאַר.

געדענקסטו יאַשקען דעם קאָמאַנדיר,
ווען דײַטשן האָבן פאַרצאַמט אונדז דעם וועג,
אויפגעריסן זיך מיט אַ גראַנאַט
אויף פרײַ מאַכן פאַר אונדז דעם וועג?

געדענקסטו סענדערן דעם העלד פון לאָמזשע,
געפאַלן אין מיטן שלאַכט בײַם בריק ? —
פאַרהאַלטן דעם שונא אין גאַנג
און אים פאַרשטעלט דעם וועג צוריק ?

געדענקסטו די קליינע פאַרטיזאַנקע מירל,
אויסגעשפּירט האָט זי דעם שונאס יעדן גאַנג.
געראַיטלט האָט זיך די תּליה
אַקעגן זונפאַרגאַנג
צום דײַטשישן שיכּורן געזאַנג.

און די נאַכט פון זיסער נקמה געדענקסטו ?
ס'איז פון ברוינעם, גרויסן הויז
קיין איין שטאַב־אָפיציר קיין לעבעדיקער
נישט אַרויס ?

*

געדענקסטו די פרייד פון באַפרײַונג ?
געמאָלן האָט דער מאָרגן זיך אין בלוי, אין שלום :
אָ, נאַטאַ, ליבער פרײַנד,
ס'איז געווען אַ שיינער חלום...

אָ, נאַטאַ, ליבער פרײַנד !
גלייב אין הײַנט,
גלייב אין מאָרגן : אפשר וועט ער שענען זײַן.

קוילן צווײ

מיר טײלן זיך מיט לעצטע קוילן צווײ.
עס בושעוועט אַ שטורעם, אַ זאַווײ.
דו און איך — רבקהלע מײַן שוועסטער,
יונגע לעבנס צווײ.

לעבנס צווײ פֿאַרהונגערטע
פֿון שטורעם און פּחד פֿאַרוווּנדעטע.
קוילן וואָיען, קוילן ברומען.
ווינטער. ווינד און ווײ.
נאָענט איז דער שׂונא, אָט אָט דאַרף ער קומען.

די ביקס צו זיך געדריקט,
מיט אָטעם הייסן געוואַרעמט.
אַ פֿײַערצונג אַ לעק געטאָן האָט הימל. —
מיט ביקס און טויט אַרומגענומען,
איך זע דיך, ווי אין דרימל.

צו ה. היינע

שטיי אויף היינע, געטויפטער ייִד
און באַדויער,
ווייס פון וואַנען ס'קומט דייַן טרויער:
נעם גרעטכען די זונה,

די צויג פון בוכענוואַלד
גיי מיט איר אין אויסשוויץ
וואַנדער טאָג און נאַכט.

זע!
דייַן אויסגעטרוימטע
האָט פון יידישער הויט
אַן אַבאַזשור געמאַכט.

שטיי אויף הײנע,
ס'פלאַמען אין אויסשוויץ
דייַנע צאַרטע לידער
מיט ייִדן דייַנע ברידער.
זע!
אָט ליגן זיי,
סקעלעטן אָן קברים,
אָפּגעהאַקטע פינגער, אֵברים,
ציין אויסגעריסענע,
זייער פלייש — אַ מאכל פאַר ראַצן:
פון בערד, פאות, קינדער־האָר —
מאַטראַצן.

אין אַ יעדער טומא־שטוב דו וועסט דערקענען:
דייַן מאַמעס שבת־ליכט, דעם טאַטנס קידוש־בעכער,
די עטרה פון זייַן טלית,
די ליכט פון דער הבדלה,
זילבער־בשׂמים פושקעס
אויף די שענקלעך בייַ די טמאים.
בילדער מיט מעדאַלן די ווענט
פון די רוצחים באַפּוצן,
נוצן
ייִדנזייף
ריינצוואַשן טומאה־הענט.

באַבי יאַר

ס׳דרימלט באַבי יאַר.
באַגרינט,
באַבלומט,
באַשטראָלט,
באַפליגלט.
מערדער־חרפה — שוין פאַרזיגלט
מיט בעטאָן,
ציגל,
ליים.
אַלע סימנים פון היים
פאַרמעקט.
ס׳לעקט
אַ טרער אַ געזאַלצענע מייַן שוואַרצאַפּל...
און דאָס האַרץ — אין פאַרצאַפּל;
— נישט קיין מצבה,
קיין נאָמען
צו דערמאָנען.

אומעטום זע איך אײַך

משהלעך און שׂרהלעך,
האַרציקע אַברהמעלעך,
הייליקע נשמהלעך,
ווּ וואַנדערט איר אַרום ?
פאַרהונגערטע, פאַרפּײַניקטע,
וואַלגערט איר אין אַשן זיך. —
פאַרברענטע און פאַרקאַלכטע,
אויף זייפן צו וואַשן זיך. —
קוקן שטערן שטומערהייט
און די זון באַדויערט נישט. —
און דער ווינט ער וואָיעט נישט.
אַלע זענען שטום.

קוקט לבנה און חלשט נישט,
שאַ, די וועלט,
ס'איז שטיל אַרום:
ייִדן קומען אום.

תּמיד, תּמיד זע איך אײַך
תּמיד, תּמיד כ'בין מיט אײַך.
איך האַס דעם טאָג, די זון,
די שײַן. —
אין דער שטילקייט רינגסאַרום —
בעסער מיר מיט אײַך צו זײַן.

פאַרגעסן

דו האָסט פאַרגעסן,
איך אָבער נישט. כ׳געדענק ;
אויף יעדן ראָג
אַ פּאָלאַק,
אַ דײַטש,
אַן אוקראַיִנער :
אַ שטעקן,
אַ בײַטש.

אָט פירט מען אַ ייִד.
מען פירט אים אַהין און צוריק
פאַר גוייִם אַ כאָפּטע,
זיי הירזשען,
לאַכן פון גליק...

די באָרד אָפּגעשניטן
צוזאַמען מיט הויט,
צעמזיקט,
צעבייַלט,
נישט לעבעדיק, נישט טויט.

מען הייסט אים אַ פּאַל טאָן,
אין בלאָטע ער קניט.
די שקצים מיט
שטיינער און שטעקנס —
אויפן ייִד,
אויפן זשיד...

*

דו האָסט שוין פאַרגעסן ?
איך אָבער — נישט.

אסירי ציון

אויף מזרח אַ וועג
אויף מערב אַ וועג
און איך בין אין מיטן
שוין יאָרן און טעג.

צו מזרח, צו מזרח
געפירט האָט מײַן וועג.
פאַרלאָרן דעם חשבון,
ווער ציילט שוין די טעג?

געברענט און געבראָטן,
דורך פּליינען און דראָטן,
דורך צוימען, דורך זומפּן,
פון מידקייט און הונגער געשרומפּן.

דורך טײַגעס סיבירער,
לאַגערס, גרויליקע שטראָפן. —
מיט „שמע" אויף די ליפּן
אין האַרצן — דאָס האָפן.

צו מזרח, צו מערב
געאײַלט האָבן טריט.
אַרום האָבן אויגן
געגליט און געהיט.

געשטאָכן, ווי שפּיזן,
געברענט, ווי מיט פלאַמען.
צי קאָן מען, צי קאָן מען
די פרײַהייט פאַרצאַמען?

*

געקומען צו דיר כ'בין, ישׂראל,
ווי אַ קינד צו אַ מאַמען.
דו האָסט מיך דערקענט, דערקענט פון אַמאָל. —
אַצינד — מיר זענען ווידער צוזאַמען.
ווי גוט ס'איז צו האָבן אַ לאַנד און אַ מאַמען.

ירושלים, ירושלים,
די האַרציקסטע פון שטעט.
יעדעס שטיינדל און גרעזל
שעפּטשעט צו מיר, רעד.

פון קדושה און גבורה,
קרבנות און — נצחון,
פון צוועלף הייליקע טויערן:

ווי גוט ס'איז צו האָבן אַ לאַנד, אַ מאַמען
צו פרייען זיך און טרויערן.

✶

די בערג פון יהודה אין פורפור פאַרפוצט
און איך — אַ בת־מלכה בין געוואָרן.
איך — דיין קינד,
וואָס „דאָרטן" געווען בין אַ דאָרן.

כאָטש באַרייכערט די וועלט כ'האָב
מיט מוח און וויסן.
אַ גר געווען כ'בין אין לענדער,
אַ פרעמדער ביי זייערע טישן.

✶

האָסט מיך באַגעגנט
מיט זון און מיט ליכט.
מיט שטראַלן דו האָסט מיך באַרעגנט,
געוואַרעמט, געטוליעט צו זיך,
היימיש, צוזאַמען.
ווי גוט ס'איז צו האָבן אַן אייגן לאַנד, אַ מאַמען.

צום דײַטש

ביסט פֿול אין מיר מיט גרויל,
ווי דאָס אויג מיט טרערן
ווי דער עפּלבוים מיט בליטן,
האָרך:
דײַן טאָג זאָל אַ בלאַנקער שווערד ווערן.
דײַן נאַכט זאָל אַ קראָ אַ שוואַרצע היטן.

זאָל דײַן בוים און פֿעלד
קיין טוי, קיין רעגן
זייער דאַרשט נישט שטילן.

זאָל דײַן בלוט דײַן טריפֿע ערד באַפֿלעקן.
זאָל דײַן בלוט דײַן טריפֿה ערד באַפֿלעקן.

אין ד. פּ.־לאַגער

ווינט, ווינט, רוישיקער ווינט
וואָס רײַסטו מײַן פענצטער?
וואָס ברעכסטו מײַן טיר?
ווינט, זײַ דו מײַן פרײַנד,
האָרך צו מײַן שיר.

געהאַט כ׳האָב אַ שטיבל
מיט פענצטערלעך קליינע
געהאַט כ׳האָב אַ סעדל
מיט בלימעלעך שיינע.

געהאַט כ׳האָב אַ ייִנגל
געליבט כ׳האָב אים הייס.
דער ווערבע קאָנסט פרעגן.
זי ווייסט דאָך, זי ווייסט.

בײַ שײַן פון לבנה,
ביז שפּעט אין דער נאַכט.
ער האָט צו מיר געשעפּטשעט,
ער האָט צו מיר געלאַכט.

אַצינד בין איך פאַריתומט און אַליין.

ווײַסרוסישע וועגן
איר ווייסט דאָך, איר ווייסט,
ווי ס׳הייסט דאָרט מײַן שטעטל,
מײַן ליבסטער ווי הייסט.

כ׳זיץ אין אַ לאַגער,
פאַרוויסט און פאַרשעמט.
שוואַרץ מײַנע טעג,
גרוי מײַנע ווענט.

ווינט, ווינט, רוישיקער ווינט,
וואָס רײַסטו מײַן פענצטער,
וואָס ברעכסטו מײַן טיר?
ווער אַצינד
מײַן פרײַנד און האָרך צו מײַן שיר.

שער ירושלים

הכותל

שטיינער פּשוטע,
שטיינער גרויע,
פֿאַרהייליקטע,
באַוויינטע,
פֿאַרבלוטיקטע.

נישט שטיינער נאָר הערצער
פֿון בלוט
און געפֿילן.

טויזנטער יאָרן פֿון לעבן
און האָפֿן,
מורמלען,
שעפּטשען,

רעדן
אַ לשון פֿון מלאכים
און שׂרפֿים.

באַשיץ זיי, גאָט

אין שעה פון רחמים ווערן הימלען
פאַר מיר אָפן,
ווי דער ים־פלאַך פאַר דער מעווע,
נאָר צו דיר, באַשעפער, גרייכט מײַן האָפן.

באַשיץ די פעלדער
פון בלוטן יונגע געוואַשן,
ערד פאַרשטיינטע פון הענט
געוואַגטע צעאַקערט.

ליב איז מיר חמסין דער הייסער
און די שקיעה אויף די בערג צעפלאַקערט.

יעדע פלאַנץ, קוסט און קווייט
איז ווי אַ קינד פון מײַן טראַכט.
אין יעדן גרעזל ליגט מײַן פרייד,
ווי מײַן יוגנט וואָלט דאָ צוריק דערוואַכט.

ס׳צערטלט מײַן בליק ווײַטע מײַלן,
האַרץ מײַנס אין פיבער פון בלי.
די יונגע טריט געוואַגטע —
באַשיץ זיי גאָט און היט.

שער ירושלים

צו דיר תּפילה געטאָן האָבן דורות,
פון נהרות בבל ביז אויסשוויץ, מײַדאַנעק.

טרערן, בלוט, יסורים, קרבנות.
אויף שטאַרביקע ליפּן געשוועבט האָט דײַן נאָמען,
דײַן נס.

אין יעדן חרובן גוף
געלעבט, געדייעט האָט אַ רוף,
ירושלים.

דו ביסט דער עמוד האֵש אויף בלוטיקע וועגן,
אונדזער האָפענונג, בטחון, אונדזער שטרעבן,
ירושלים

ביַי מזרח־וואַנט, ביַי אַ קינד פאַרוויגן
האָבן מאַמעס געקרעכצט און געלעכצט צו דיר,
ירושלים

דו, אייביקע שטאָט, ווער קען מיט דיר קאָנקורירן?
ווו ס'זעצט די זון זיך כּהרף־עין און קאָלירן

פאַלן אויף די בערג יהודה, בריליאַנטיק מיניען זיך
און צירן. —

שטייט ירושלים מיט פאַרריסענעם קאָפּ
אין אַ גינגאָלדענעם צאָפּ. —

העכער פון די העכטע, שענער פון די שענסטע: ס'האָט
אין צענטער פון דער וועלט געשטעלט דיך גאָט.

אויסגעזונגען „זמירות ישׂראל" האָט דער תּהילים
און שלמה המלך — דעם שיר־השירים...

*

דורכן קוימען אויסשוויצער רויכערט זיך אַ שטימע;
„אם אשכּחך ירושלים — תּשכּח ימיני...

צו דײַנע צוועלף טויערן

צו דײַנע צוועלף טויערן
שעפּטשען תּפילות מײַנע ליפּן,
ווערטער פון דײַן אלף־בית.

ליפּן — בלוט און פלייש,
וואָס קאָנען, אַלמעכטיקער, דיר זאָגן?
ווען עפּר איז מײַן היים.
און דער מאָרגן. —

ניין, נישט ליפּן — מײַנע
כל עצמותי מײַנע רעדן. —
פון הייליקן ניצוץ איך קאָן זיך ניט שיידן.

*

ס'קלאָגט מײַן נשמה
אויפן נישטאָ מער —
נקמה.

צו דער מאַמען

כ׳האָב איַינגעזאַפּט אין מיַינע בלוטן
לעצטן ציטער פון די ליפּן דיַינע:
לעצטע טרער
פון דיַינע טיפע, שוואַרצע אויגן.
דיַין געבעט,
דיַין גלעט
איך שפּיר
אויף מיר
און דיַינע לעצטע ווערטער:
„קום צוריק מיַין קינד״.
קום
קום
קום —
האָט איר קול איבער פעלדער געקלונגען,
האָט עכאָ איבער וואַלד זיך געקייטלט
און צעזונגען:
קום
קום
קום.
בין איך צוריקגעקומען.
וווּ זאָל איך דיך זוכן?
אין ווילנע?
וואַרשע,
אויסשוויץ,
מיַידאַנעק,
אַז דו ביסט אין ערגעץ נישט פאַראַניק.

ויהי דבריך לי לששון... (ירמיהו ט״ו)

דײַנע ווערטער, הייליקער באַשעפער —
אַ פײַערפלאַם אין מײַן אינגעווייד.
ווען דײַן שכינה צו מײַן שוועל גענענט,
קערט צוריק אום זיך מײַן פרייד.

וואָס בין אך קעגן דיר, הייליקער?
קעגן בריאה, וואָס דרימלט אין דײַן גענאָד?
ווער בין איך — אַ זעמדל אַ צײַטווײַליקער,
הײַנט לעב איך און מאָרגן — ניט הי.
פאַל איך צו דיר, אייביקער, און זאָג: „מודה אני״.

דײַן שווײַגן, דאָס קלוגע וועקט אין מײַן האַרץ
האָפן און ביטחון. ווערסט מיר אַזוי ליב:
מטהר ביסט מײַן איך פון אַלע זינד. —
ריין ווער איך, ווי די טרער פון אַ קינד.

*

נידערסטו אַראָפּ צו מיר פון דײַנע הייכן,
פאַרגאָסן ווערט מיט ליכט מײַן שוועל. —
נאָענט ווערסטו מיר — מיט דער האַנט צו גרייכן,
אויסגעלײַטערט ווערט מײַן וועלט און העל.

ירמיהו הנביא

א

פאַרוויסט, באַשפּיגן זייַנע וועגן.
זייַן פּוס — קיין ישוב נישט באַטראָטן.
אַלע שטעגן אים באַדראָען,
אַלע זייַנע טעג דאָ — הוילער שׂטן.

נביא, אמת־זאָגער —
ווי געגעכטיקט נישט געטאָגט:
זייַן נאָמען איז דאָ — בייזער קלאָגער,
ווייַל אַ נביא אמת זאָגט.

בייַם פּאָלק ביסטו — אין אויג אַ דאָרן
אין דייַן האַרץ דעם גרויסן —
פלאַמט דער צאָרן.

ב

פאַרחברט מיטן שטעקן
בלאָנדזשעט ער אַרומעט. —
פאַר וואָס, גאָט, האָסטו מיך געבוירן —
דונערט זייַן קול און רעוועט:
גלייַכער שוין ווי אַלע, אַלע
זייַן — אַן עבד,

צו דעם שקר,
צו דער צביעות,
ווערט דאַרף הייַנט גאָטס נביאות?

מורמלט ער,
זייַן קאָפּ געבויגן:
ליבע, צער און האַס
אין זייַנע אויגן.

ג

ווי אַ העליש פײַער ברענט אין אים גאָטס צאָרן.
אויגן שפּיזן, בראָטן, ברענען
— גהינום,
— גהינום —
בעטן, שטראָפן זײַנע אויגן און דערמאָנען:
— אמת, אמת, צדק, יושר
— פאַרן אָרעמאַן און עושר
לויפט ער מיט שטעקן איבער ירושלים,
עד היום,
עד היום...

ד

שטראָפט ער, שטראָפט ער
יונג און אַלט.
לאַכט מען אָפּעט,
לאַכט מען קאַלט.
ווער וויל הערן זײַנע ווערטער:
אָ, איר גאַוואהדיקע ציונס טעכטער!

עזותדיק די קעפּ צום הימל
מען האַלט פאַרריסן. —
אויסגעפּוצט אין זײַד, אין סאַמעט —
האָט מען ליב אַ גוטן ביסן,
ווײַן און — דרימל...

ווער דאַרף צניעות
אין אַ וועלט פון צביעות
ווער דאַרף הײַנט ג׳ נביאות.

צפת

עס דרימלט נאָך צפת.
צופוסנס — פאַרנעפּלטע הימלען.
עס קושן זיך וואָלקנס און בערג,
ס׳דאַכט זיך זיי וואַכן, זיי דרימלען.

כּנרת פון ווײַטן איז גלאַנציק,
שוימיק און יאָדערדיק־פול,
אין אָרעמס אין אירע האַלט זי
די פעלזן, ווי צוואַנגען.

די גרויקייט צו ביסלעך ווערט נעלם.
ס׳צעלויפן זיך וואָלקנס —
אינדן פון יעגער געיאָגטע.
באַהויכט ווערן בערג מיט אַ ראָזעוון נעפּל.

די מאָרגנזון הינטער די בערג, ווי אַ קרוין. —
שטיי איך און שטוין
און איך גאַף ;
אָט שפּרײַזט דער אר״י־הקדוש
איבער בערג די צפתער.

נאָך אים — רבי חיים וויטאַל אין פלאַטער
שפּאַנט נאָך זײַן רבין...
אַ נײַער טאָג אין צפת
נעמט אויפלעבן.

איך און דו

איך בין דער אומעט,
דו ביסט די פרייד.
קום איך צו דיר פרעגן,
זוכן באַשייד.

פאַרזיגלט דיין טיר איז
געשלאָסן אויף שלאָס.
צו וואָס איז מיין קומען?
צו וואָס און פאַר וואָס? —

איך קלאַפּ אין דיין טויער,
שטיי דאָרט און וואַרט,
הער איך דיין שטילן געלעכטער:
— איך האָב דיר גענאַרט, גענאַרט.

פאַרגליווערט מיין האַרץ ווערט.
פאַרקלעמט און פאַרשעמט. —
בושה פאַררויטלט מיין פּנים
קאָנוווּלסיע — די הענט.

*

דו ביסט דער זיגער,
איך — די באַזיגטע.
דו ביסט דער קלוגער,
איך — פון אמת דער זוכער.

חטאתי

כ׳קלאַפּ אין מיין האַרץ מיר חטאתי,
פאַרטאַכלעוועט, פאַרשפּילט מיינע יאָרן.
געווען דאָ און זינט כ׳בין אַוועק
האָב איך מיין רו דאַן פאַרלאָרן.

געבלאָנדזשעט דורך וועגן פאַרפרעמדטע,
פון וויינגערטנער פרעמדע געטרונקען.
בין איך עלנט אַצינד. אַ פאַרשעמטע
כ׳בין טיף אין מיין יאוש פאַרזונקען.

נישט געביטן האָט זיך עשו׳ס וועלט.
„ירדה שׂנאת עולם לעם עולם״
מיט שׂנאה־בליקן כ׳בין אַרומגעשטעלט,
ערגעץ צינד מען ווידער אָן דעם שייטער־פלאַם...

ס'ציט מיך צוריק צו דיר היימלאַנד,
ווי ס'ציט אַ נאָדעלע צום מאַגנעס. —
ס'איז די וועלט פאַר מיר אַ טויבע וואַנט,
אויפהייבן מײַן ייִדיש קול איך וואַג נישט. —

*

עס גרינען פעלדער אין דגניה.
איך אָטעם מיט שפּראָץ און מיט זריעה. —
און בײַם תּבור
זאָגט שירה דבורה הנביאה.

*

זינג העכער דײַן ליד מאַמע דבורה.
ס'זײַנען פעלדער פול מיט דײַן אָטעם:
ס'בעט יעקב אָבינו
אַל תּקברינו במצרים. —
כ'הער דאָס געזאַנג
פון די שבטים.

*

עס זילבערט דער כּנרת
אויף געשלענגלטע וועגן.
רחל מיט די שעפסן
קומט מיר אַנטקעגן. —

מאַמע דבורה, זינג העכער דײַן ליד,
אין תּפוצות אַלע וועק דאָס ייִדישע געמיט.
זאָלן דײַן קול הערן די סיסרעס...
עס היט
דער שומר ישׂראל דײַנע וועגן.

אַ שירה לה׳ בחיי

איך זינג צו דיר דורך טרער און דורך שמייכל.
דורך זון און געוויטער,
דורך אָפּגרונט און הייכן:
דורך נערוונגעוועב און דורך גלידער.

ברכי נפשי,
לאָז מיך זינגען צו דיר ביי מיין לעבן.

איך זע דיך אין מילגרוים דעם רייפן,
אין מוראַשקעס אייליקן לויפן,
אין די מיליאָניקע שטערן
נישט צום איבערציילן,
אין די תהומען און הייכן,
אויף מיליאָנען־מיליאַסיקע מיילן. —

איך זע דיך אין פליִען פון אָדלער,
אין די טויבן־אויגן ריינע:
אין מאַסיוון גראַניט און אין קליינעם
זעמדל אינעם מידבר דעם הייסן.
אין וואָרעם אין בלינדן אויף דר׳ערד,
אין ווינט, אין וויוגע, אין רעגן:

ברכי נפשי,
לאָז מיך זינגען צו דיר ביים לעבן.

לזכר אַ געפאַלענעם חייל

לזכר שמחה ליכטער ז״ל
געפאַלן אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה

בלייכע בעריאָזקעס ביַים וואַסער פאַרקלערטע,
נישטאָ מער דער פרינץ אויף דער ערד שוין.

אויפוועקן וועל איך דעם נאַכטיקן טוי
און פרעגן איך וועל אים: ווי אַזוי, ווי אַזוי?

שטיפעריש־יונג, כמעט, ווי אַ קינד,
אַז וויי איז דער מאַמען און ווינד.

אויפוועקן וועל איך די בלומען אין טאָל,
אויפן גולן־באַרג דראַפּען זיך ווידער אַ מאָל:
אויף שטעגן געדרייטע און קרומע
זוכן און רופן דיַין נאָמען. —

זוכן וועל איך אין סאַברישן אַפּל
די פרייד פונעם זיַין,
פון לעבן דעם צאַפּל.

ביַי דער פאָן פון ישׂראל פאַרהויבן איבער קעפּ,
ביַים כּותל און ביַי די הייליקע טרעפּ

וועל איך אים זוכן, דעם יונגן פרינץ. —
נישטאָ מער: נישטאָ צווישן אונדז.

„סדנא דארעה חד־הוא"

מיליאָנען שטערן, מיליאָנען יאָרן
זינט הימל און ערד זענען חתן־כלה געוואָרן.

אַן ער איז געבוירן, אַ זי זײַן באַשערטע —
דער וואָרעם ער וואַרט שוין — פּאַר נאַראָנים באַקלערטע.

פאַרפּוצט האָט אַ מלאך אַ גרעזל אין אַ גרינער פאַטשיילע,
באַרעדט איר די רויז שוין — איי, סאַראַ כלי.

עס זינגען בדחנים די זעלבע ניגונים ;
אַ שמיץ מיטן צינגל, אַ פּליעסק מיטן גומען.

דער הײַנט איז ווי נעכטן, אַז דער מאָרגן וועט קומען —
די זעלבע קאַפּעליע, די זעלבע ניגונים :
„כּי סדנא דארעה חד־הוא".

אַ בריליאַנטל, אַ זשיראַנדאָל, טעלעוויזיע, בית־הכּיסא ;
לעפל־גאָפּל, פּאָרן זיך און — מיתה.

מלאך־המוות, מלאך־הדומה,
ממה נפשך ? וווהין גייסטו, מענטש ?
וווהין גייט די בהמה ? —

(קדושין כ"ז)

„דעלך סני לחברך לא תעביד"

ס'הענגען נשמות — פידלען אויף צווייַגן.
אין טאָל פון ביינער הערט זיך אַ שווייַגן.

און ס'שוועבט דער גייַסט — אַ לעבעדיק געשטאַלט
איבער הימלהויכן — אַוווּ איז דער אָפּהאַלט ?

צווישן מצורעים — אין שמאַטעס די ווונדן.
מען וואַרט : סיעתה דשמימה —
ווערט וועט פאַרבונדן, ווער וועט פאַרבונדן ?

און ס'הערן זיך זיפצן :
„האם כלוּ כל הקיצין ?"

און אַ קול־דממה־דקה אונטער דער מחיצה :
— קומען וועט די צייַט, די צייַט וועט קומען,
משיח בן־דוד
ודעלך סני לחברך לא תעביד.

(שבת ל"א)

פּאָעמעס

כאָמסק

א

ביסט מײַן יוגנט, מײַן ערשטע ליבע־ליד
און אַזוי ביסטו פאַרבליבן אין מיר.
איבער וועלטן בלוטיקע טראָג איך דיר,
ווי אַמאָל דעם משכּן אין מדבר־פלאַם
דורך וועלטן פלאַמיקע פאַרלויפּסטו מיר,
ווי דער עמוד־האש — מײַן שטאַם.

אָדער ווערסט פאַרוואַנדלט אין אַ געזאַנג,
ווען פאַרוויגט האָט מיך מײַן מאַמע
אין אַ תּפילה פון מײַן טאַטנס כאָמסקער ש״ץ
מיט איר סאָפּראַנע.

ב

ייִדן פון אַלטע מילן, בזשעזינער־גאַס און לאַן
און נאָך געסלעך, וואָס כ׳געדענק שוין נישט קיין נאָמען:
קיין איינע איז פון אײַך שוין נישט פאַראַן.

נישט קיין קברים, קיין מצבות וואָס זאָלן אײַך דערמאָנען.

אָט זע איך אײַך, איר שווימט פאַר מיר ווידער אויף
פשוטע האָרעפּאַשנע כאָמסקער ייִדן:
שנײַדערס, שוסטערס, רימערס, סטאָלערס, בעל־עגלות
האַווען, שמײַען, לויפן, פאָרן אויף יאַרידים.
דורכגעשטופּט אַ דאַנק ג׳ שוין אַ וואָך.
קומט דער שבת ווערט אַ ייִד ווידער מלך,
רחבותדיקע טישן, ליכטערס פלאַמען,
עסט מען שבתדיקע סעודות, זינגט מען זמירות פריילעך.

זאָגט מען תּהילים, פּרק מיט כּוונה,
קריאַת־שמע פרום מיט צעגלאַנצטע אויגן.
גייט אַוועק אַ דור,
קומט אַ דור,
אַזוי האָבן אין ייִדישקייט דורות זיך דערצויגן.

ג

ווי אַ קאַרוזעלע דרייען זיך די יאָרן
שווימען טעג ווידער אויף פאַר מיר.
ס׳עפנט זיך די טיר,
ר׳ נחמן דער קצב אַ צעהיצטער
מיט ביידע בנים
רײַסן זיך מיט שטורעם
אין מײַן טאַטנס שטוב אַרײַן.

גיכער, גיכער נעמט שוין דעם חלף
ר׳ יוסף גרשון
און אויב איר גייט
טאָ קומט שוין זאַראַז:
ס׳רעווען הונגעריקע אָקסן
אַ ניכפּה זאָל אַרײַן אין זיי.
טאָ וואָס זשע שטייט איר חכמס פון דער ,מה נשתּנה׳,
קצבים ווילן זיי גאָר זײַן
איך אין אײַער עלטער
האָב אַליין געבונדן אָקסן פיר.

קוק זיי נאָר אָן, די פאַרשווינען,
רירן זיך אַפילו נישט אָן מיר.

שווימט אַ קללה אויף
אויף זײַנע פון ווינט־צעפּאַדעטע ליפּן.
כאַפּן מיר, קינדער, די קללה אויף אין זיך,
גיט אויף אונדז אַ בליק דער טאַטע
אַנטלויפן מיר פון שטוב אויף גיך.

ד
אַ פאַרפלאַמטער קומט צו לויפן
ר׳ נחמן דער קצב — ,,קונה הכל״,
— ר׳ יוסף גרשון כ׳האָב געקויפט הײַנט
אַ יאַלאָווקע אַ מאַטקע,
אַזאַ מציאה לאַנג שוין נישט געהאַט,
נאָר ביז פאַרקויפן האָט עס מיר דער ערל
בין איך שיער נישט געוואָרן די כפּרה.
געוואָלט ער האָט עס יאָ פאַרקויפן
אָבער נישט מיר — קונה הכל.

...און מען האָט געמאַכט אַ ,שהכּל׳,
צעיאַכמעט האָט זיך עשׂו׳קע,
אין אַ ריקודל אַוועק
אַזוי ווי איר ר׳ יוסף גרשון
אין די שׂמחת־תּורה־טעג.
אוי, וואָס האָב איך געזאָגט דאָ,
זייַט מיר מוחל
צוגלייַכנדיק צו אייַך:
ס׳האָט פון גרויסע שׂמחה
אַזש פאַרפּלאָנטערט זיך מייַן שׂכל.

שאַדט נישט, שאַדט נישט
פרייד זיך מיט מייַן טאַטע
און זייַנע הימל־בלויע אויגן שמייכלען,
השם־יתברך האָט שוין זייַנע וועגן,
נעמט מייַן מאַמע אויך אַ חלק
אין דער שׂמחה.
מסתּמא האָט איר קונה־הכּלע
גוט געדאַוונט,
איז אין אייַך אַ מציאהלע באַשערט.
און וואָס זשע מיינט איר,
אונדזער זיסער פאָטערל אין הימל
שפּייַזט אַפילו אויך אַ ווערעמל אין דר׳ערד.

ה
פרילינג,
ווערן הימלען פלוצעם אָנגעקוואָלענע מיט רעגן.
בעריאָזקעס צעווייַנען זיך צוקאָפּנס בייַ די וועגן.
טעג ווערן מיט קינדערשער פרייד פול,
קומט מען זיך פליעסקען אין טיפן גראָבן בייַם שול.

פרײַטיק:
דער טשאָלנט שטייט גרייט שוין צום פּאַררוקן,
דער אויוון גליט — אַ צונטער.
נאָר ס'וואַרט מײַן מאַמע נאָך אונטער,
אפשר פּאַרשפּעקטיקט האָט עמעצער
הײַנט גראַדע. —
שטייען טעפּ, דיניצעס ווי זעלנער אין די רייען
און מײַן מאַמע נעמט איבער די „דעפּילאַדע".
גלאַנציקע גרויסע טעפּ —
קאַדעטן מיט גאָלדענע קנעפּ,
קוגלען פּלאַטשיקע, ווי בורשטינען
קאָנען קיין אָרט זיך נישט געפינען,
— נעמט אַוועק די טשאָלנטן אויף גיך,
מיר זענען פון ראָזשינקעס און מאַנדלען
אונדז דאַרף מען בעסער באַהאַנדלען...

אונדז קילט מען אָפּ אין וואַסער,
אין מויל אַרײַן נעמען אונדז נאָר נאַשערס.

נו, וואָס איז דען דער חילוק — פּרוּוון אַנדערע אָפּלאַכן —
ווער עס עסט,
צי ווער עס פרעסט:
ביידע ווערט איר נעלם
אין די מאָגנס פון די געסט.

ו
ס'איז פרײַטיק שוין נאָך צוועלף.
פּאַרפּלאָנטט שטייט מײַן מאַמע
אַרומגעוויקלט מיט אַ ווײַסע טיכל,
בלאָזן זיך. —

ווי אַ קרוין.
ביַי די פּיס פלאָנטערט זיך
אַ נפשל אַ קליינס.

שטייען קליינע טעפּעלעך פאַרדראָוועט, פאַרשוואַרצט
און ס'ווייסט די מאַמע שוין
וועמעס „פּאָקרישקע" מ'דאַרף אויפהייבן,
אַ שטיקל פליש אין די קאַרטאָפל
וועמען אַריַינלייגן:
וועמען אַ פּאָר פּעטע ביינער,
שמאַלץ אַ שטיקל צו דער פּאָסנער קאַשע
און שעפּטשעט אויס דערביַי אַ תּפילה:
— גאָט האַרציקער אין הימל,
זאָלן נאָר די טשאָלנטן די בידנע
זיַין געראָטן.
רעדט זי צו די טעפּלעך, ווי צו פריַינד.
שעמט זיך נישט, ס'איז ערב שבת
ביַי אים היַינט.
מאָרגן? — ווער ווייסט ביַי וועמען...

ריַיסט זיך אַ טיפער זיפץ אַרויס
פון האַרץ:
— גאָטעניו אין הימל,
זאָלסט אונדז, חלילה, נישט פאַרשעמען.

שטייען באַבקעס אויפן טיש
אין אַ ראַנדל.
שמעקן חלות ברוינע,
ווי די מאַנדל.

ווער ס'האָט נישט, נו, מילא, וועט מען שוין באַזאָרגן.
מײַן מאַמע און טשערנע די גבאי'טע
ווייסן שוין וועמען ס'פעלט:
ערגעץ־ווו אַ קימפעטאָרין ליגט פאַרטריקנט,
ערגעץ־ווו איינזאַמט אַ זקנה,
אָדער אויף שבת פעלט אַ מאַן אַן אַלטן;
טראָגט מען אונטער די פאַטשיילעס
דעם מתּן־בסתר — פאַרבאַהאַלטן.

איז שוין באַלד די שקיעה,
רויטלט זיך דער הימל, ווי אַ בתולה.
די שבת־מלכּה שפּרײַזט גאַװוהדיק צום טראָן:
נאָך אַ רגע און די צײַט ווערט פול,
„ברכי נפשי" רופט שוין אין שול.

— אין שול, אין שול — באַגלייטן אים שטימעס:
אויסגעצוואָגענע קעפּעלעך,
פאַרפלאָכטענע צעפּעלעך,
פּאותלעך געקרײַזלטע,
בחורימלעך, וואָס קאָנען שוין רש"י,
וואָס פרעגן שוין אָפּ אַ קשיא.
— אין שול אַרײַן, אין שול אַרײַן... —
הערט דאָס קליינוואַרג אויף צו וויוועון,
לויפן אַהיים.
מען שרעקט זיך פאַר די טאַטעס —
מען מוז דאַוונען גיין.

שפּרײַזט ,ברכי נפשי' אײַנגעהויקערט
אין דרײַען,
טראָגט אין זיך אמונה און טרויער
אין שוואַרצאַפּל.

אַ מטופל
מיט קינדערלעך עלף אָן עין־הרע,
און זײַן פלוניתטע שׂרה
פון אים צוויי מאָל דיקער און העכער,
האָט אַ צוועלפטן גענומען צו דער חברותה —
אַן אונטערגעוואָרפענעם יתום.
מילא, זאָגט זי צו מײַן מאַמען,
זאָל זײַן נאָך איינס,
נאָך אַ מײַלעכל צום עסן,
ס'וועט מסתּמא דער אויבערשטער אין הימל
אין „ברכי נפשין' נישט פאַרגעסן.

איז מסכּים מײַן מאַמע,
שׂרה־קרוין צדקת —
קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם —
ער וועט שוין העלפן,
טאָ וואָס זשע אַרט אײַך,
אַז איר האָט שוין צוועלף שבטים?

ז
שבת בײַ „צאינה וראינה'.
זיצט מײַן מאַמע אויסזינגענדיק דעם טײַטש
מיט התמדה,
עפנט זיך די טיר:
— אַ גוט שבת, אַ גוט יאָר,
זעצסט זיך ליבע געסט —
איז מכבד זיי מיט שבת־אויבס,
מיט אַ הייסע גלעזל טיי.
— אוי, מײַטינקע־קרוין, אַ לעבן אין דיר,
האָסט מײַן אַלטן הײַנט דערקוויקט:

אַ שטיקל פלייש — הוילע ברוסט,
אַזש אויפגעהערט ר׳האָט גלײַך דעם הוסט.
זאָגט אַ צווייטע:
— ממש צעגאַנגען זענען אין מויל די ביינער,
אַקוראַטנע גוט פאַר די קראַנקע ציינער.
ברוגזט זיך מײַן מאַמע:
— קיילע אַלטע, חיה־שפרינצע,
כ׳לעבן, לאָזט מיך לעבן.
מסתּמא האָט אַ מלאך, לכּבוד שבת,
אַרײַנגעלייגט אין טאָפּ...
און זי קערט די אויגן אָפּ,
ס׳טראָפּנט אַ פּערלטרער איר פון אויג אַראָפּ.

און בײַ ג׳ פון אַברהמען
וויינט מײַן מאַמע אירע תּפילות אויס,
פּאָטערל אין הימל האָב רחמנות
וואָס דען ווילן זיי, מישטיינס געזאָגט,
אין טשאָלנט אַ שטיקל פלייש בלויז נאָר.

חנה־צירל

בײַ חנה־צירל
ר׳ אַלטערס טאָכטער
איז שוין צוויי מאָל צען אַריבער
און אַ קינד איז נאָך אַלץ נישט געבאָרן.
זי האָט די האָפענונג אָבער נישט פאַרלאָרן:
גאָט־ברוך־הוא איז אַ דיין
און אַ מרחם,
איר מאַן ר׳ נחום,
אַ שוויַיגער און אַ תּלמיד־חכם,
נו, און וואָס אַ שטייגער קאָן
טאָן אַ בשׂר־ודם? —

איז מען צו גוטע ייִדן געפֿאָרן,
קבֿרים געמאָסטן,
צדקה געגעבן,
אַלמנות אויסגעהאַלטן,
יתומים געשטיצט
ביז —
גאָט האָט געהאָלפֿן —
זי האָט אַ טאָכטער געבוירן.
אַ מיידעלע — אַ שטערן,
ווי אַ מלאך שיין — אַלע שווערן.
בלויז צוויי יאָר אַלט —
און עס רעדט שוין
און עס שאַלט.

אַ גערעטעניש, אַזאַ מתּנה,
פֿרייען אַלע זיך צוזאַמען,
זענען גליקלעך מיט דער מאַמען.

אָנגעטאָן אין רויטן בענדל,
אין אַ לייַוונטענער העמדל,
געטאָן אַ נדר האָט חנה־צירל
ביז אַ יאָר צוועלף איר ניט פּוצן, ניט צירן.
אין טאָג פֿון איר געבוירן
אַן אָרעמע כּלה צו דער חופּה פֿירן.

איז מען מקיים די הבטחות,
געשיקט האָט דער אייבערשטער ברכות:
רייַך און פֿרום,
די טירן אָפֿן
פֿאַר כּל דיכפֿין,
פֿאַר ייִדן און פֿאַר גויִים.

אַלע רעדן וועגן וווּנדער,
ג׳ נאָמען ווערט געהייליקט,
מען זעט עס מיט די אויגן
אַפּילו אויך צווישן גוייִם
איז דער נס, ווי אַ פויגל
אַרומגעפלויגן.

נישט איין עקרה
צו חנה־צירלען געקומען פרעגן.
צירל מיט אַ שמייכל,
מיט אויגן ייִדישע, גוטע,
האָט געווונטשן,
עצות געגעבן:

„ס׳עקן זיך נאָך
נישט קיין ווערלטן,
האָפן, האָפן
און השם־יתברך
וועט העלפן״.

...איז גערמאַנישער משחית
אין שטעטל געקומען,
און ייִדן האָבן שנעל באַנומען,
אַז גאָטס צאָרן איז אויסגעגאָסן. —

צו דער אַרבעט שלעפּט מען
און מען קומט נישט צוריק:
ס׳הערן זיך זאַלפן,
שיסערייַען בייַ דער בריק,

אויסגעליידיקט בײַ ר׳ מנחם
אַלע שפּײַכלערס,
די קראָמען.
אַפילו די עטרה פון זײַן טלית
אויסגעביטן אויף אַ ביסל אַרבעס
פאַר אַ קינד,
די נשמה צו דערהאַלטן.

איין מאָל האָט מען ר׳ מנחם
געפונען אַ קאַלטן,
דעם קאָפּ צעשפּאָלטן,
די הענט צעבראָכן
און אַ צעטעלע צוקאָפּנס:
„גרייט זיך זשידעס
צו אײַער סוף — אָן ווידויס...״

ווי אַ צעשראָקענע טשערעדע
האָט מען אַלע ייִדן
אויפן מאַרק געטריבן.
חנה־צירל, ווי אַלע מאַמעס
האַלט ס׳קליינע אויף די הענט.
און ס׳קוקן אירע אויגן שטאַר
אויף נאָענטער געפאַר...

זי פּילט, זי ווייסט
און דריקט צו ברוסט
איר קינד, איר טרייסט
איז, ווי אַ טיגערין גרייט,
וואַרפן זיך אויף יעדן איינעם
מיט די נעגל,
מיט די ציין.

אַ גרויסער פּאַס מיט וואַסער,
אַזוי ווי תּמיד שטייט אין מיטן מאַרק,
פּאַר פּייַערלעשערס
אָדער פערד צום פּאָיען.
פּלוצעם דערזעט זי צוויי גויִים
נאָענטע שכנים,
מיט אַ דייַטש זיך ווינקען איבער
און אָט לויפן אָן זיך גויִים פון די דערפער,
ווי פּאַר פּסחא:
פּויערטעס אין ברייטע ספּודניצעס,
קאָלירטע טיכלעך,
שטיוואַליעס אויסגעשמירט מיט שזעגעכץ,
וואָנצעס פּאַרדרייטע,,
שיכּור ווי לוט.
„נו, ייִדעלעך, הייַנט איז אייַער מפּלה,
לאָמיר זען,
צי וועט אייַך העלפן אייַער ג־ט".

אַ דייַטש מיט אַ טויטן־שילד
אויפן קאָפּ
גענענט צו חנה־צירלען:
„אַנו, דייַן קינד מיר ווייַז.
עפּעס דערציילן דייַנע שכנים,
וונדער גרויסע..."
„אָ, ווי שיין,
בלויע אויגן, בלאָנדע צעפּ,
אַנו, לאָמיר זען" —
און צו די באַהעלפערס שכנים, גויִים,
זאָגט ער:
„ברענגט זי נענטער, נענטער צום פּאַס".

אַ טויטע שטילקייט האָט באַהערשט די גאַס. —
צוזאַמענגעקורטשעט אין יסורים
איז אַיעדערער געשטאַנען,
נישט פאַרשטאַנען
צו וואָס דאַרף ער,
דער צורר,
חנה־צירלס קינד?

נו, און גלײַך אַצינד
האָבן הענט געזונטע צוויי
אַרויסכאַפּן געוואָלט דאָס קינד.
נאָר חנה־צירל, פלינק־וואַנזיניק
האָט דאָס קינד צו זיך געדריקט
מיט איין האַנט, און מיט דער צווייטער
זיך געבאָרעט און געווערט,
ווי אַ טיגערין געדראַפּעט
אַזש בלוט האָט געקאַפּעט.

און דער דײַטש איז צו הילף זיי געקומען,
דאָס קינד פון די הענט
חנה־צירלס גענומען.
די גויִים האָבן פעסט איר געהאַלטן,
זי זאָל זיך קיין ריר נישט טאָן.
דער דײַטש האָט שעלמיש
צו די גויִים געווונקען;
דאָס קינד מיטן קעפּל אין פּאַס
אײַנגעטונקען
און דערטרונקען.

פאַרגליווערט זענען אַלע
שטיין געבליבן, בלויז

אַ קרעכץ אַ שטילער האָט זיך געהערט
פון דער מאַמע חנה־צירל.
צווישן בלומען אין אַ קויש
ער האָט דאָס קינד אַרייַנגעלייגט
און דערלאַנגט עס חנה־צירלען:
„אָט האָסטו דיר דייַן רויז״.

כּהרף־עין
האָט חנה־צירל זיך אַ ריס געטאָן
פון די גוייִם
און מיט ציין און נעגל
זיך געוואָרפן אויפן דייַטש.
אָפּרייַסן האָבן איר נישט געקאָנט —ביידע:
סטאַניסלאַוו מיטן נאַגאַן
און וואַסיל מיטן בייַטש.
„נאַ דיר, מערדער!
אַ ג־ט איז נאָך פאַראַן!״
„נאַ דיר פאַר מייַן קינד!״

מיט אויגן אויסגערונענע,
צעביסן, ווי אַ שלאַנג,
פון יסורים געקאָרטשעט, גערייצט
איז דער צורר, דער דייַטש,
דער מערדער פון איר קינד —
געוואָרן בלינד.

דער עילוי

איז בײַ דעם דיין ר׳ זישע
שוין צען יאָר נאָך דער חתונה אַריבער.
שטייען ש״סן — משנה־תורה׳ס
אויף די פּאָליצעס און ווײַנען:
„ווער וועט אונדז לערנען?״
„ווער וועט אונדז באַקרײַנען?״

פֿילט זיך דער אומעט
אין די ד׳ אמות,
אין יעדער ווינקעלע — באַדויער.
די ווענט, די טישן,
אויך די מזוזה טרויערט.

קוקט מיט אויגן־פאַרוויינטע
די דיינ׳טע
דורך פֿויר־האַנגל פון שויב,
הערט זיך צו צום וואָרקען פון אַ טויב,
צום פֿויגל־געזאַנג.

און איר שכנטע
שׂרה־ביילע
מאַכט שוין געוואַלדן:
„יאָסעלע, יאָסעלע, אין חדר אַרײַן גיי",
„יאַנקעלע, יאַנקעלע, גיכער ענדיק דאָס איי",

„שׂרהלע, מיידעלע, ס'איז שוין אין דער פרי,
גיכער זאָג־זשע מודה אני".

און אַ שטימעלע ענטפערט:
„שוין אַפילו קריאת־שמע געלייענט".

מען דאַרף טאָן וואָס ג' הייסט,
פאָלגן טאַטע־מאַמע
און גוטע לײַט הערן.

פאַרכליניעט זיך די דיינ'טע אין טרערן,
ס'ציטערן די לעפצן:
„ג', אין זכות פון מײַן הייליקן טאַטן
און מאַמען דער צדקת,
גיב מיר אַ קדיש,
וואָס זאָל מײַן נשמה דערמאָנען:
ג' פון שׂרה, רבקה, רחל און לאה,
הער צו מײַן געבעט,
פאַרנעם מײַן תּפילה,
ווי אין די טעג פון נעילה".

*

לויטן דין מעג ר' זישע
גט'ן זײַן אישה

און אַ צווייטע נעמען.
נאָר ווי זאָל ער אַ בת־ישׂראל פאַרשעמען?

שפּאַנט ער פאַרחלומט, פאַרמוחט, פאַרפלאַמט,
די הענט אויפן רוקן און טראַכט
אַרייַן אין די וועגן פון בורא.

חשבונט אויס דעם פאַרוואָס,
מסתּמא איז פאַרטייַעט
ערגעץ אַן עבירה.

און לייענט ער דאָס בריוול אויף צוריק:
איז פאַראַן דען אַ צדיק אויף דער וועלט,
וואָס זאָל נישט געשטרויכלט ווערן?
רינען טרערן
און ער חשבונט ווידער,
זוכט דעם תּירוץ,
קערט די בליקן
צו דעם הימל:
„רבונו של עולם
טהרני",
מאַך מיך ריין פון זינד,
גיב מיר אַ קינד —
רייַסט זיך אַרויס
אַ געשריי פון זייַן האַרץ.

און אויב כ'בין נכשל געוואָרן
אין אַן עבירה
זאָלן תּפילה, צדקה און תּשובה
צערייַסן די גזירה.

...ווענדט זיך ר׳ זישע צו זײַן אישה
כּהי לישנא:
„לאָמיר תּפילה טאָן,
תּפילות ברעכן וואָלקנס,
תּפילות שפּאַלטן הימלען״.

שטייט די דײַנ׳טע, ווי די מוטער רבקה
אין אַ ווינקל
און ווי בײַ חנהן ציטערן אירע לעפּצן.

דער דײַן אין צווייטן ווינקל,
ווי יצחק
איז מרעיש עולמות,
סע שפּאַלט זיך דער הימל:

„רבונו־של־עולם,
כ׳וויל נישט קיין גאָלד,
קיין זילבער.
גיב מיר אַ קינד.

צוגעזונגען אין אַ שירה,
כ׳וויל נישט שטאַרבן
אַן עריר.

זענען תּפילות, ווי פֿייגל
צום הימל געפֿלויגן
פֿאַרן כּיסא־הכּבוד
געשטעלט זיך געבויגן.

האָבן שׂרפֿים אויסגעפֿײַערט קידוש
פֿאַר אַזעלכע תּפילות־פֿלאַמען,

אַ גרויסע נשמה שיק אַראָפּ
כּל־יכול פון דאַנען.

שוין ציַיט, אַז עמך ישׂראל
זאָל אויסגעלייזט ווערן,
זייער לעבן איז הפקר,
דאָס לחמא־עניא איז טרערן.

האָט דער כּביכול אַ קרעכץ געטאָן:
„שכינתא בגלותא",
צווישן נשמות בריליאַנטן,
אַ נשמה פון גרויסווערטן,
אַ צאַרטע, אַ פרישע
אַראָפּנידערן געהייסן
צום דיין ר' זישע.

און צום יאָר האָט אַ זון
אים געבוירן זיַין אישה.

זון האָט אַרויסגעשיַינט פון זיַינע אויגן.
אַ קאָפּ — פלינקער פון אַ רעגנבויגן.
גיך געכאַפּט עברי,
חומש, רש"י,
גמרא, תּוספת,
ראשונים, אחרונים,
משניות.
ווי נאָר אַ שווערע קשיה —
אַן ענטפער אויפן אָרט,
אָן שום שהיות.
ווי אַ האַרבער רמב"ם, אַ פּילפּול,

ווייסט מען —
ער וועט שוין זאָגן.
און זײַן קול איבער אַ ספר הערט מען,
ווען ס'הייבט נאָר אָן צו טאָן.
ווי אַ פידעלע — זײַן ניגון,
רעדן מאַמעס, טאַטעס, מיידלעך,
שעפטשען קינדער אין די וויגן:
„ס'וואַקסט א גאון, אַ בעל־מופת״.

*

איז דאָס שטעטל מלא שׂמחה,
גרויס איז איר זכיה,
ווײַל דאָ איז ער געבוירן
און דאָ איז ער דערצויגן.

לערנען ייִנגלעך פון אים מידות,
און דאָס שטעטל טונקט אין חסידות.
דאַוונען, לערנען, צדקה געבן,

נישטאָ קיין אָרט פאַר יצר־הרע.
מען פראַוועט חצות —
יום־כיפור קטן
ווייינט מען אויף גלות
און ס'אַנטלויפט דער שׂטן. —
וואַקסן בני־תּורה אָן עין־הרע
גלייבן ייִדן באמונה,
קײַקלט זיך ס'וואָרט פון גומען,
ס'וועט משיח בימינו קומען.

*

אין הייסן זומער לויפט מען זיך באָדן,
וואַקסט אַ יוגנט העכער, העכער
גרייכן איבער טירן, דעכער.

אויך ר׳ נתנס קליינע חנה
איבער נאַכט — אַ גאַנצע פאַננע:
שוואַרצע האָר און בלויע אויגן.
אויף ליפּן זאַנפּטיקע — אַ שמייכל,
אַ פּנים — ווייַסער מאַרמאָר,
ס׳איז קיין סוד נישט
פאַר אַלע דאָ.

און איר טאַטע איז נישט אַבי־ווער,
אַ תּלמיד־חכם און אַן עושר.
נישט איינער האָט געלאָזט אַ טרער,
נאָר פאַרעקשנט איז ר׳ נתן
און פאַר זייַן שיינער בת־יחידה
דעם עלוי גענומען פאַר אַ חתן.

*

פראַוועט מען אַ חתונה,
ווי בייַ אַ מלך.
שטרייַמלעך, בעקעשעס,
פּיס הייבן זיך פריילעך.

זאָגט מען תּורה,
זאָגט מען חידוש.
און דאָס שטעטל.
קומט צו קידוש.

זאָגט דער חתן
סתרי־תורה.
גאַפן שטיל די גאונים
און רבנים האָבן מורא. —

שפּרינגען אונטער ראשי־ישיבות:
„פּערל שיט זיך פון זײַן מויל״.
גלײַען אויגן — שוואַרץ, ווי קויל.

עקיבא, רבינו תּם און רבי
ירושלמי און דער בּבלי
שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אַלפסי
און אַ שקלא־וטריא,
פאַרטיפט זיך אין אַ רש״י,
פאַרענטפערט אַ שווערן תּוספת,
שמועסט זיך אַדורך מיט רבני־תּם
און די אויגן — הימלפלאַם.

*

פאַרגאַפט, פאַרטיפט זיצן אַלע.
ווי אַ שבת־מלכּה אינעם שלײַער —
שײַנט די כּלה.

קיינער איז צו איר
נישט גלײַך. אַזאַ זכיה —
זײַן אַ זיווג
צו אַזאַ מציאה.

*

מיטן איבן עזרא אַ מחותּן,
פֿאַר יהודה הלוי מאַכט אַ וואַרע. —
אַ חבר אויך מיטן כּוזרי,
באַלד אַריבער צו דעם רמב״ם,
צום ספר־מצוות.

ווי אַן אייגענער אין דער משפּחה,
ברענגט דעם מקור פֿון תּורה
און הלכה.

משנה־תּורה שלייַפֿט, ווי אַ בריליאַנט,
דעם ,מורה נבוכים׳ — אויפֿן האַנט.
פֿון פֿילאָסאָפֿיע ביז קבלה ציט אַ פֿאָדעם,
ברענגט דעם רמב״נס תּורת־אָדם,
וועגן שׂכר־עונש, עולם־הבא,
בלעטערט דורך דעם מהר״ם מיטן ראש,
ס׳ברומט זייַן שטימע, ווי אַ שטורעם.
ברענגט אַ ראיה פֿון בעל־הטורים,
פֿון דון יצחק אַברבנאַל.
צו דער אגדה שפּרייַזט ער שנעל,
צום ספר מנורת־המאור.

*

ס׳לייַכט דער מאָרגנשטערן שוין
אין רוים,
ס׳העלט,
נאָר ער איז אין אַ צווייטער וועלט...
מיט ר׳ יוסף קאַרו ער איז אין אַ שפּאַציר
עס באַגלייטן אים

דער שולחן־ערוך, בית־יוסף
ביז דער טיר.

✶

אַ שעה פאַרגייט,
ס׳קומט אַ שעה
אָט איז ער שוין בײַם רמ״א,
שמועסט זיך אַדורך וועגן
עולם הקטן,
מיטן בעל־הט״ז אַ מחותּן.
אין שׂפת־כּהן אַ בן־בית
מיטן מגן־אַברהם
סודעט זיך אַרום
מיט זײַן אורח חיים.

✶

אָט וואַנדערט ער
מיטן חכם־צבי,
מיט זײַן מגילת־ספר
אויף אַלע וועלטן,

ער חכמעט זיך מיט ר׳ יהונתן אייבשיץ,
ווערט פאַרפלאַמט,
אין התלהבות פאַרברענט,
צענעמט,
ווי אַ פויגל זײַנע הענט...

✶

ווי בײַ זיך אין דער היים
גייט אַ ריקודל מיטן בעל־השם,

דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן,
ער איז אין פֿיבער:
שירה זינגען זײַנע גלידער.

דערציילט נסים פֿון בעל־השם,
גלײַך ער וואָלט דאָרט געווען
און פֿון דביקות צו דעם גאון
אַזש נאָך ווילנע ער איז פֿאַרפֿאָרן:
תּורה, אמונה, חכמה, גדולה,
ווי קומט עס גאָר צו זײַנע יאָרן?

*

זײַן פּנים — הימל־שײַן,
אָט האָט ער נאָך אַ פֿרײַנד:
ר׳ עקיבא אייגער נישט פֿאַרגעסן,
ברענגט מוסר־רייד פֿון חתם־הסופֿר
לאָזט אויס מיט אַ פּיזמון —
אשכּל־הכּופֿר.

ווערט דער מאָרגנשטערן בלאַסער
פֿילט מען נישט, ווי ס׳איז די נאַכט,
ווי פֿון אַ חלום אויפֿגעוואַכט.

פּלוצעם ווערט אין פּוילן ענג דאָס לעבן,
ווי אַ שׂריפֿה כאַפּט אַרום
און ס׳גייט אַ פּחד צווישן ייִדן אום.

באַרײַכערט דאָ די ערד און שטעט,
געבויט, באַפֿעסטיקט האָבן דורות,
געוואַכט, געהיט די פּויליש־גרענעץ.

פון גבורה יאָסעלעוויטשעס
געבליבן איז אַ גענעץ. —

אויך די שחיטה איז פאַרבאָטן.
ייִדיש־כּבוד ווערט געטראָטן
קנאה, שׂנאה ברענט אַרום,
פּיקעטן אין ייִדישע קראָמען,
אויסגעהאַקטע פענצטער, טירן.

און ס׳טראָגן שטימען זיך פון סיים:
ייִדן, קיין מאַדאַגאַסקאַר זיך עוואַקויִרן".
אויך שעמט מען זיך נישט פאַרמאַסקירן,
עצות געבן פרום:

„גרויס איז די וועלט רום,
נעמט דעם שטעקן, שטעלט אַ טריט"
און די לופט איז אָנגעגליט...
זאָגט אַ צווייטער:
„דער שטעקן איז פון דורות אײַער פרײַנד,
ווי קען עס אַנדערש זײַן דען הײַנט".

אין די קלויסטערס
פון די אַלטאַרן
וואָיען שאַקאַלן:
פּאָליאַקן, פּאַנעס;

אײַערע זיידעס די גרויסע האַרן
האָבן אויך כמיעלניצקין
די ייִדן געהאָלפן פאַרנאַרן,
טאָ העלפט אויך אײַער ברודער

דעם דייטש —
האָט דער גלח זיי פֿאַרטייטשט.

אוןביידע — נאַציס און ענדעקעס
קומען צו אַ טאָלק,
פּשיטיק, ביאַליסטאָק
פּאָגראָמירט. געשלאָגן גרויס און קליין,
פּוילן מוז פֿון ייִדן ווערן ריין —
הערן שטימעס זיך אין סיים.

ווו אַ דערפֿל, ווו אַ שטוב
איז דער ייִד ביי זיי אַ דאָרן.
די שוואַבן און פּאָליאַקן —
ברידער געוואָרן.
מחמת שׂנאת־ישׂראל
אייביקע ליבע זיך געשוואָרן.

ווייסן פּאָליאַקן,
ווי צו האַסן,
ווי צו רויבן,
ווי צו מאָרדן.

ברענען ייִדישע גאַסן,
ברעכט מען שויבן,
קראָמען, סטראַגאַנעס.
הייבן הענט סטודענטן
און ס'העצן די פּאַנעס.
און אין די אוניווערסיטעטן

ווילדע קולות:
„ייִדן, אויף לינקס זיך זעצן!"

און די פּראָפעסאָרן שמייכלען אונטער.
קוקן אויף די כלאָפּצעס,
ווי אויף בייזן ווונדער.

באַגריסן די העלדן — נאַפּאָלעאָנען
און ס'גיסט זיך בראָנפן,
שאַמפּאַנען.
טאַנצן טאַנגאָ אָפיצירן,
בוקן זיך פאַר דאַמען
אַלטע, וואָנסעוואַטע הערן.

פלוצעם: שטילער שטילער גאַסן ווערן.
ווו נישט ווו זיך שלײַכט אַ שאָטן,
דער פּוילישער אָדלער ליגט צעטראָטן...
„גרויסע העלדן" — ייִדן נאָר צו מאָרדן

ליגן אונטער שטיוול פון די האָרדן.
באַהאַלטענע אין לעכער,
פאַרשטופּטע אונטער דעכער.

די דאָקומענטן צעריסן,
די מונדירן — אַוועקגעשמיסן.
און מען צעלויפט זיך, ווי די מײַז.
כאַפּט מען אַ דעזערטיר — איז שמײַס.

לאַכן דײַטשישע וואַנדאַלן:
„נישט קיין זעלנער, נישט קיין וואָפן,
סמיגלע־רידז איז אויך אַנטלאָפן".

פון די אויסגעפּוצטע אָפיצירן
קיין זכר איז נישט געבליבן.

האָבן שוואַבן מיט מיידלעך פוילישע
זיך אויפגעהערט צו ליבן. —
פוילן איז אַ חורבן פאַרבליבן.

אין די קלויסטערס קלינגען גלאָקן,
צו תּפילה רופט מען פּאָליאַקן.
און ס׳רעד דער גלח מיט פאַרגלאָצטע אויגן
פרום און לאַנג. —
איז יעדער וואָרט אַ בייַטש, אַ שלאַנג.

*

ווען דער דייַטש איז אַריבער קאַליש
פאַלט אַוועק דער עלוי, חלשט.
שעפּטשען זייַנע ליפּן בלייכע:
„אויסגעגאָסן שוין די תּוכחה".

פאַלט שוין וואַרשע,
פאַלט שוין ווילנע
און אויך קראָקע.
ערגעץ־ווו אַ גרופּע ייִדן
אונטער קלעפּ מען האַלט אין יאָגן,
אַנדערע — צום טויט דערשלאָגן
און געשאָסן
אַ כלה מיט אַ חתן.

אַ יונגע מאַמע
פאַרברענט האָט מען צוזאַמען מיט איר קינד.
דעם זון געהאָנגען
פאַרן טאַטנס אויגן

פון צער און פחד זאַטע. —
און ווי דער משחית האָט געשווירן:
„אָפּווישן ייִדן פון דער מאַפּע".

ליגן שטעטלעך שוין אין גרובן,
טאַטעס, מאַמעס, זיידעס, באָבעס,
קינדער פון די וויגן,
עופעלעך, וואָס נאָר געבוירן
אַלע אין איינעם.
און צוגעהאָלפן האָבן בני־עמלק,
די פוילישע שכנים.
טרײַע דינער פון די דײַטשן,
„קעמפּערס", גרויסע העלדן
אויף ייִדנמאָרד,
אויף שענדן.

מיטן דײַטש דעם אָקופּאַנט,
געגאַנגען האַנט בײַ האַנט
אויסגעשפּירט און אויסגעניוכעט
יעדע נאָרע, יעדן לאָך,
אפשר דאָך
האָט אַ ייִד זיך ווו באַהאַלטן.
דעם ייִד צו קעפּן
אָנגעבאָטן זייער הילף
פון אומעטום דעם ייִד געבראַכט צו שלעפּן.
און שמייכלדיק צוגעגעבן:
„נישט פאַרגעסט,
אויסגעפּלינדערט יעדן נעסט,
פאַר אַ גוטן ביס
און אַ האַרבן טרונק.

און פּאָליאַטשקעס — שיין און יונג
פֿאַר יעדן אָפּיציר
געעפֿנט די טיר
מיט אַ ווונק...

*

ס'איז געווען פּרייַטיק
אין חודש מאַי.
אַלץ האָט געבליט,
קינדער האָבן זיך געשפּילט.

פֿויגלגעזאַנג האָט
זיך צעקלונגען,
די וועלט האָט געזונגען.
אַלץ האָט אויפֿגעלעבט ווידער
און ייִדן געגראָבן האָבן
פֿאַר זיך גריבער...

פֿון די באַהעלטענישן און שטיבער
געטריבן קראַנקע, קאַליקעס און קינדער
און דערשאָסן.
איז צווישן אַלע אויך געווען
דער עלוי און ר' נתן

אַרומגערינגלט פֿון די דייַטשן
און זייערע באַהעלפֿערס,
אָנגעלאָפֿן פֿון דערפֿער —
האָט מען זיי געשטעלט איבער די גריבער...

און אויסגעגלײַכט האָט זיך
דער שוואַכער עלוי
און מיט אַ קול צעשטורעמט זיך,
צעדונערט:
,,ייִדן לאָזט זיך נישט מאָרדן,
שטעלט זיך אַנטקעגן".

איז אַ טומל געוואָרן,
מען האָט זיך געשטופּט אויף צוריק.
אויך די מערדערס האָבן אויף אַ ווײַלע
זיך פאַרהאַלטן.

,,קעמפט, קעמפט, ייִדן" —
האָט ווידער זיך פון אים זײַן קול געריסן.
און די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן שיסן.

,,תמות נפשי..."
און ער האָט פון אונטער דער בעקעשע
אַ ,,מאָלאָטאָוו" אַרויסגעצויגן
און צו די מערדערס געוואָרפן;
בלוט האָט זיך גענומען גיסן
צוזאַמען מיטן קרבן אויך דער מערדער
געלעגן איז צעריסן.

ר׳ שעפּסל נחמן

ר׳ שעפּסל נחמן
איז געווען זײַן גאַנץ לעבן
אַ ייִד אַ חלוש,
קוים געזשיפּעט.
נישט געשטופּט זיך
צו דער מזרח־וואַנט,
אויך גוט פֿאַר אים —
דער פּאָליש.

דעם שולחן־ערוך אָפּגעהיטן,
אַזוי ווי די תּורה האָט געבאָטן.
אַ גרויסער הוסטער האָט ער דאָך
פֿאַרן דאַוונען קיין שלוק וואַסער
נישט גענומען, כאָטש דאָקטוירים האָבן
נישט געאָסורט.

און ווען זײַן שׂרה־ריקל
האָט געבעטן מיט תּחנונים,
געוואַלד, שעפּסל־נחמן,
האָב רחמנות, פּיקוח־נפש
איז דאָך פון ד׳
גרויסע זאַכן —
פלעגט ר׳ שפּעסל־נחמן
אָנהייבן צו לאַכן
מיט זײַנע זיבן חנען:
„ס׳וועט דיר נישט העלפן
דײַן וויינען״.
„ס׳אָסור, ס׳איז אָסור
זאָג איך דיר שׂרה־ריקל,
נישט פאַראַן פּיקוח־נפש
אֶלא פאַרן בשׂר״.
און וואָס איז בשׂר? —
זאַמד אַ ביסל,
מוז מען טאַקע שטענדיק
אַרײַנקוקן אין שיסל? —

מעגן אַלע זײַן מקיים —
די מצווה פון קײַען?
פון אַזעלכע מצוות,
רק אַנטלויפן, אַנטלויפן —
פלעגט ער הוסטן, פלעגט עס סאָפּען
און צום מנין לויפן.

צום מנין — נאָך איידער ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן,
ס׳האָט דער גבר אַפילו נישט געטאָן קיין קריי.
נאָר ר׳ שפּעסל־נחמן האָט אַ סך צו זאָגן:

עין־יעקב, משניות,
ברכי־נפשי,
אַ קאַפּיטל תּהילים
מעמדות
און דערנאָך אַ בלאַט גמרא
מיט התמדה.
אַרײַנקוקן אין זוהר
אין בעל־התּניא
און אין מוסר־ספרים.

און אַז געקאָנט מען האָט שוין אונטערשיידן
פֿון לבן ביז כּחול —
האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צום כּביכול:

בײַ קריאת־שמע
אויסגעצויגן ר׳ שעפּסל האָט דעם „שמע״
מיט היץ אַזויפֿיל
און מיט אַזאַ מין קראַפֿט
להיפּך צו זײַן שוואַכן גופֿל,
גאָר אַ העליש פֿײַער האָט געברענט
אין די רמ״ח אֵברים.
ביז ער פֿלעגט אויסשטיין
די הויכע שמונה־עשׂרה
האָט מען זיך שוין
באַלד געקליבן צו מינחה...

און יעדן טאָג די זעלבע שׂמחה,
סײַ בײַ שחרית, סײַ בײַ מינחה.

געווען אַ תּלמיד־חכם איז ער
אֵין־לשער,

אויך אַ גרויסער זאָגער:
אַ בעל־תּפילה,
אַ בעל־קורא —
אַזוינס איז נישטאָ גאָר.

צו נעילה
האָט מיט תּחנונים
אַ שפּיל געטאָן זײַן תּפילה.
שפּירן פּלעגט מען אָבער און ווידער,
ווי עס שפּאַלטן זיך די הימלען,
אַ כּוח אַ נײַער אַרײַן איז
אין אַלעמענס גלידער.
אַפילו ווײַבער פאַרחלשטע
פון פאַסטן און ריידן —
האָבן זיך פון מחזור
נישט געקענט שיידן.

הײַנט זײַן שופר בלאָזן,
אַזעלכע תּקיעות געשלענגלטע ציִען?
העכער און העכער,
אַזש דער מקטרג נישט געהאַט האָט וואָס צו טאָן
און
אָן שהיות
אַנטלאָפן צו דעם רויטן פעפער. —

אויך אַ מוהל ער איז געווען.
פון אַלע גוטע, ייִדישע מלאכות,
האָט ער שבת נישט געהאַט
ביי וואָס צו מאַכן ברכות...

אַזוי האָט ער געלעבט
ערלעך און באַשיידן.
מצוות געטאָן און געחלומט
פון גן־עדן.

און געדונערט האָט זײַן קול ?
יעדעס מאָל,
ווען ער האָט גערעדט צום גבאי :
„ר' שלמה־זלמן,
ברויט, האָלץ און קאַרטאָפל
דאַרפן קריגן אויך די,
וואָס וואַרטן נישט אויף עולם־הבא".

ווען דער מלך ווינטער
פלוצעם זיך אַ ווײַז געטאָן האָט,
אין אײַז געקאָוועט
הויז און בוים און בלאַט —
פלעגט ר' שעפסל־נחמן פון דעם באָרד
פאַרשנייטער,
אַרויסלאָזן אַן אויקע : —
„אוי פאָטערל זיסער אין הימל,
אַזוי האָסטו געבאָטן ?
זומער זאָל בריִען
און ווינטער זאָל בראָטן ?"

און וואָס וועט זײַן מיט די אֶביונים,
דײַנע ברואים ?
פאַר וועלכע חטאים ?

אַזוי פלעגט ער ברומען
צו זײַן שׂרה־ריקל :

„זײַ אַזוי גוט
און גיב מיר אַ שטריקל".
„צו וואָס דיר אַ שטריק,
שפּעסל־נחמן?" —
פרעגט שׂרה־ריקל.
ס'איז אַזאַ פראָסט אין דרויסן
די שויבן ממש פּלאַצן.
זעסט, ווי דער פראָסט איז אַ מײַסטער:
אָנגעמאָלן אויף די שויבן
גאָר פּאַלאַצן.

„ג' פון אַברהמען — זאָגט שׂרה־ריקל —
ווען וועט ער שוין פּלאַצן,
דער פראָסט?
שוין פאַרברענט אויך
די אַלטע מאַטראַצן".
און שפּעטשענדיק צו זיך זי זאָגט:
„אַל תעזבני
אויף די אַלטע יאָרן",
און פון גרויס דבקות נישט דערזען —
ר' שעפּסל־נחמן איז נעלם געוואָרן.

*

שפּרײַזט ר' שעפּסל־נחמן
אין פּוסטע גאַסן,
אויבן — הימל,
אונטן — שניי.
קיין נפש־חי'. —
ווי די וועלט וואָלט אײַנגעזונקען
אין אַ ווײַסן דרימל.

אַ זילבערנע רײַף — די ערד,
הײַזקעס אין שניי — בראַסלעטן.
ביימער אין זילבער־קרוינען,
ווי אַ כּלה צום באַדעקנס.

אָנגעגאָרט אין ווײַסן
דער הימל
שעפּטשענדיקע שנייען
דרייען
זיך און פרייען:
„באַלד וועלן מיר די ערד דערגרייכן“.
„נו, איז וואָס?“ — הערט מען אַ שטימע רופט.
ערד איז אָנשפּאַר,
האַרט, באַקוועם,
נישט מען שווימט אַרום אין לופט.

גיט אויף זיי אַ בליק לבנה,
שטערן פינקלען, שטיפן:
„קומען וועלן בייזע ווינטן
און די ווײַסקייט גיך אָפּווישן“.
אין די טאָלן אײַך פאַרטרײַבן,
קיין צייכן וועט פון אײַך נישט בלײַבן.
און די שנייען פאַלן, פאַלן:
אונדזער איז דער הײַנט,
וואָס זײַן וועט מאָרגן —
איז פאַרפאַלן.

*

שפּרײַזט אַלץ טיפער ר׳ שעפּסל־נחמן
און דער שניי פאַרשיט די גאַסן.

באַלד דערגרייכט ער ביזן גאַרטל,
טראָגט ער גאָר שוין שניי־לאַמפּאַסן ?

אַרט אים ווייניק ווינט און שטורעם,
זײַנע ליפּן תּפילות זאָגן :
„זײַ מצליח מײַן וועג כּל־יכול,
גרייטן פֿאַר אֶביוֹנים וויל איך
ברויט און האָלץ, קאַרטאָפֿל.

שמײַסט דער ווינט אים
אין זײַן פּנים,
שלײַדערט אים אויף אַלע וועגן.
ר׳ שעפּסל־נחמן גייט פֿאַרעקשנט
סײַ אין שנייען,
סײַ אין רעגן.
ביז יעדער אַרעם הויז
האָט וואָס אויף טיש צו שטעלן,
ביז אין יעדן הרובֿע, אויוון,
וועט אַ פֿײַערפֿלאַם זיך העלן.

✶

ס׳האָט דער מלך אין דער ווײַסער קוטשמע
פֿון רגילות ווידער געטאָן אַ שטיף
און אָנגעצייכנט אַזאַ מאָדנעם
היעראָגליף. —

אַ שיט געטאָן פֿון זײַן קעניגרײַך
אַזאַ ווײַסן פּוך,
ווי געוואָלט ער האָט די אומרייניקייט
פֿאַרדעקן דורך און דורך.

„גוט אַזוי, גוט אַזוי,
זאָל דער גבאי שלמה־זלמן
מיט דער הייסער טיי זיך קרעקן" —
האָבן הויפּנס שנייעלעך געלאַכט,
חוזק געמאַכט
פון זײַן צדקות:
„צו וואָס האָט ער די פּושקע געלט פאַרהאַלטן,
קיין האָלץ נישט אָנגעגרייט ?"
כאַ־כאַ און כי־כי־כי,
וועלן מיר טאַקע זען
ווער שטאַרקער איז ה׳.

טאַנצן שנייעלעך און טאַנצן,
שטעטעלעך פאַרשאָטענע אין גאַנצן.
פון אַ שטעטל איז אַ שניימענטש געוואָרן,
נאָר דער גרויסער טורעם
האַלט נאָך אָן זײַן פאָרעם.
אַ שטייגער, ער וויל אַלעמען באַווײַזן,
אַז ער איז פון שטאָל און אײַזן,
גרייכט ביז די בלויע רוימען. —
אַפילו דער מלך מיט דער
ווײַסער קוטשמע
קאָן אים נישט בײַקומען.

*

וווּ נישט וווּ
הויכט אַרויס פון שניי אַ פּאַרע,
מאַכט אַ וואַרע,
דער קוימען האָט אויך נאָך וואָס צו זאָגן.
סטאַרטשעט איבער שניי אַרויס אַ גאַנצער

אָן שרעק און מורא,
פאַר די שנייעלעך, די שדישע וואָס טאַנצן.

✶

זיצט דער גבאי אין זײַן ווייכער שטול,
אין שטוב איז וואַרעם, אַ מחיה.
אין אויוועלע רויטע צינגען
פריילעך טאַנצן.

ער טרינקט אַ שמעקעדיקע גלעזל טיי
און קוקט דורך שויב צום דרויסן,
און אויסן
איז ער אָט וואָס זאָגן:
„נישט שרעקלעך,
גאָרנישט אַזאַ זאַוויערוכע.
מה רעש? פאַלט אַ שניי,
דאָך נישט אַזוי קאַלט.
וואָס־זשע מאַכן די קבצנים אַ געוואַלד?"

און ר' שעפּסל־נחמן,
וואָס איז מיט אים די גרויסע גדולה?
אַ יודע־ספר, נו?
איז וואָס?
קאָן מיט אַ ספר קוויקן דעם גומען?
נו, נו, ער וועט פון מיר קיין פּרוטה
פאַר די קבצנים זײַנע
נישט באַקומען.
זאָל ער באַצאָלן מיט אַ קמיע:
ווער ס'האָט די מאה —
דער האָט די דעה.

✶

ס'איז דער אָוונט באַלד שוין צוגעפאַלן.
ס'הערט דער שניי נישט אויף צו פאַלן.
ווילד האָט דער ווינטער זיך געוויזן,
פראָסט און שניי אין די פנימער געשמיסן.
ר' שעפסל־נחמן טאָפטשעט טיפער, טיפער
און ער ברענט און בראָט, דער „שטיפער".
און שטאַרק הייס איז פלוצעם אים געוואָרן,
שיער דעם אָטעם נישט פאַרלאָרן. —

און ס'לאַכט און לאַכט פון אים דער יצר־הרע:
ר' שעפסל־נחמן,
אַ סך געסלעד האָסטו נאָך קיין עין־הרע.
כ'לעבן, גיי צוריק זיך קוויקן
מיט אַ הייסן גלעזל טיי.
קורץ איז דייַן אָטעם,
די קעלט וועט דיך דערשטיקן.

ר' שעפסל־נחמן גייט ווייַטער
אין דער וועלט דער פאַרשנייטער —
האָט בטחון — שליח־מצווה.
איי, וועט ער אויסשייגעצן דעם גבאי:
ברויט, האָלץ, קאַרטאָפל דאַרפן אַלע,
אויך אין זינען האָבן הכנסת־כּלה.

גייט ער ווייַטער, טיפער, טיפער.
זייַן פנים — בלויער פראָסט,
פאַרשוואָלן,
צוגעשלאָסן.
און וואַרעם ווערט אים פלוצעם
אין יעדן אֵבר און שווער, שווער

ווערן אים די פיס. דער מוח
טראַכט נישט מער. —

און גוט איז אים אַזוי
און גליקלעך אָן אַ שיער...
אַט שטייט ער ביַי דעם גבאיס טיר,
אַט זיצט ער, זלמן, ביַי זיַין זיַיט.
אַן אויסשטיַיער גיט ער אים פאַר אַ יתומה־כּלה
און הונדערט גילדן
פאַר אָרעמע ליַיט.

נישטאָ מער קיין נויט,
אַ ריח פון פרישן ברויט
טראָגט זיך פון יעדן הויז
און דאָ איז אויך שוין,
וואָס אויף טיש צו שטעלן,
מענטשנס פּנימער קוועלן
און די הרובעס, אויוונס —
פלאַמען פיַיערן, העלן.

*

ס'האָט דער ווינט זיך איַינגעשטילט,
אָפּגעלאָזט
דער פראָסט
האָט.
פאַרטאָג, אַ זייגער פיר
האָט מען שעפּסל־נחמענען
געפונען טויט
ביַי שלמה־זלמנס טיר.

צום קוואַל פון טרערן

1

וווהין זאָל איך באַגלייטן דיך
פרעגט ער מיך,
קוק צו די שטערן,
אַזוי איז דער בליק פון יענער
מײַן ערשטע...

נישט צו דער טיר,
נישט צו די שטערן,
באַגלייט מיר
צום קוואַל פון טרערן...

2

אויב אַ האַרץ וויינט אַן טרערן
וויינט עס פאַר מיר,
אַז איך בלויז זאָל עס דערהערן.

קלאָגט עמעצער
אָפּגרונטיק טיף
איז זײַן קלאָג
מײַן טאָג.

באַריס

דערציילונג

„מהרסיך ומחריביך ממך יצאו"
ישעיהו, מ"ט

„אַ ייִד פון ווילנער געטאָ איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסשוויץ און איז בנס געבליבן לעבן, עס איז אים געלונגען צו אידענטיפיצירן עטלעכע ייִדישע קאַפּאָס, אויך אַ ייִדישן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן די דײַטשן אין זייערע ווילדע, באַרבאַרישע טאַטן — ער הייסט באָריס בערגמאַן. ער האָט אַ סימן: אַ רויטן פלעק אונטערן לינקן אויער. ווער עס האָט אים געטראָפן, אָדער ווייסט וווּ ער געפינט זיך — ביטע, זיך ווענדן אין מינכענער קאָמיטעט.

א

חנה האָט, איבערלייענענדיק די מעלדונג אין צײַטונג, געפאַלן אין חלשות. אַז זי איז צו זיך געקומען, האָט זי נאָך אַ מאָל געלייענט די מעלדונג און אין איר זכרון זענען אויפגעשווומען יענע שוידערלעכע מאָמענטן, בשעת עטלעכע דײַטשישע מערדערס, אין באַגלייטונג פון אַ ייִדישן פּאָליציאַנט, האָבן אַנטדעקט זייער בונקער. איר און איר מאַן און די צוויי קינדער איז געלונגען צו אַנטלויפן, ווי נאָר ס'איז געוואָרן אַ ביסל

שטילער. אירע עלטערן אָבער, שוועסטער, ברידער מיט זייערע משפחות, זענען דורך די דײַטשן געכאַפּט און דערשאָסן געוואָרן.

איז עס טאַקע ער, באָריס? — האָט זי זיך נישט געקענט גלייבן. זי האָט תּמיד געקוקט אויף אים, אויפן רויטן פלעק, ווי ער וואָלט איר געווען קענטלעך. תּמיד האָט איר אַ געפיל געפּײַניקט און זי האָט די שוואַרצע געדאַנקען, ווי קראָען, פאַרטריבן. ער איז דאָך איר באָריס. זי האָט דאָך אים אַזוי ליב.

חנה האָט אויף גיך זיך אָנגעטאָן, ס'קינד איבערגעלאָזט בײַ אַ שכנה. גענומען מיט זיך זײַן בילד און תּיכּף אַוועקגע־פאָרן נאָך מינכען, לויטן אָנגעגעבענעם אַדרעס.

אין מינכען האָט זיך באַשטעטיקט, אַז דאָס איז ער טאַקע. נאָך עפּעס האָט זי זיך דערוווּסט — אַ שרעקלעכע ידיעה — אַז ער האָט אויך נישט געשוויגט זײַן אייגענע פרוי און צוויי קינדער.

אַ וואַנזיניקע איז זי אַרומגעלאָפן איבער די מינכענער גאַסן. לסוף אַוועק צום וואָקזאַל און זיך אַרונטערגעוואָרפן אונטער אַן אָנפאָרנדיקן צוג. דער מאַשיניסט, קאָנטיק, אַ געני־טער אין זײַן פאַך, איז געלונגען דעם צוג צו טאָרמאָזירן ממש אין דער לעצטער רגע. חנה איז לעבן געבליבן. מענטשן האָבן איר געבראַכט אַהיים.

ב

אַ שוואַרצער וואָלקן האָט פאַרצויגן דעם הימל. דער ווינט האָט געוואָיעט, ווי אַ סטאַדע הונגעריקע וועלף. ער האָט מיט שטורעם געפּאַטשט אין די שויבן, געריסן דעכער. אַלטעביימער מיט איינציקע פּיעניעס, ווי ציינער אין מײַלער פון זקנים,

זענען געלעגן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען. ווי צעשראָקענע אינדן זענען געפאַלן יונגע ביימער איינער אויפן אַנדערן. אַ דונער האָט אַ קנאַל געטאָן און אַ פייַער האָט באַפאַרבט דעם האָריזאָנט. גרויסע רעגנטראָפּנס, ווי בריליאַנטן, האָבן געקלאַפּט אין די דעכער. ווי פון קוילן זענען מענטשן זיך צע־לאָפן, באַהאַלטן. עטלעכע מינוט האָט געשטורעמט. נאָר באַלד איז דער שטורעם אַריבער. ס'איז געוואָרן שטיל. די וואָלקנס זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן, ווי חדר־ייִנגלעך נאָכן לערנען. די זון האָט ווידער „איבערגענומען די מאַכט", געקעניגט איבער די אומשטערבלעכע רוימען.

ג

אַ מאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ הויכן גאַניק. נאָך אים האָט אַ פרוי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ מיט געדיכטע, פעך־שוורצע האָר — ווו נישט ווו באַזילבערט מיט ווייַסע פעדעם — און אַרויסגעשריגן מיט אַ הייזעריק־דערשראָקענע שטימע:

— מערדער! — קינדער־מערדער!

אירע אָדערן אויפן האַלדז, ווי אָנגעצויגענע שטריק. טיפע קנייטשן האָבן זיך געשניטן אַרום מויל. נישט קוקנדיק אויף איר מידן אויסזען האָט אַ בלאַנק געטאָן אַ שיינער פּראָפיל. גלייַכע ליניעס, ווי פון אַ גריכישער מאַדאָנע און אַ פייַן־געשניצ־טע נאָז. פאַרגליווערט, ווי אַ סטאַטוע איז זי געבליבן שטיין בייַ דער טיר מיט פאַרבראָכענע הענט. אַ יאָמערלעך געוויין האָט אַרויסגעפּלאַצט פון איר. איר גאַנצער גוף האָט געצי־טערט, ווי אין קאָנוולסיע. גלייַך זענען פון די הענט געוואָרן פויסטן. זי האָט מיט די פויסטן זיך געהאַקט אין קאָפּ און אין האַרצן. און ווידער האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן, ווי ער וואָלט

צוגעהאָלפן דער אומגליקלעכער פרוי באַוויינען איר גורל. עטלע־כע מינוט האָט אַזוי געדויערט און ס׳געוויין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפן זיפץ. מיט אויגן רויט־פאַרשוואָלענע, מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט דער האַנט אויפן האַרצן, איז זי אַן איינגעבויגענע געשטאַנען.

מיט דראָבנע טריט, ווי אַ זקנה, האָט זי זיך צוגעשאַרט צום בעט, זיך אַריינגעוואָרפן צווישן די קישנס מיטן פּנים אַראָפּ. ווידער איז איר באַפאַלן אַ געוויין — שווער העשען און יאָמערן. איר גוף האָט געציטערט. מיט אויסגעצויגענע הענט און פאַרקרמפטע פינגער איז איר מידער גוף איינגע־שלאָפן.

ווען חנה האָט זיך אויפגעכאַפּט האָבן שוין אָנגעצונדענע שטערן געוווּנקען אין טיף־בלויען הימל. אַ האַלב פּנים פון דער לבנה האָט זיך באַוויזן. און גלייך האָט זי זיך אַרויסבאַפרייט פון איר פאַרוואָלקנקייט — אַ גאַנצע, אַ פולע, אַ זילבערנע. מאַיעסטעטיש געשווומען אין בלויען רוים און ליבלעך גע־שמייכלט צו יעדן, וואָס האָט צו איר אַרויפגעקוקט.

✶

חנה האָט זיך אויפגעזעצט. אָנגעהויבן אויסגלייכן אירע פאַרשלאָפענע הענט. פאַמעלעכקע אַראָפּגעשטעלט די פיס. מיט איין האַנט אונטערגעשפאַרט דעם מידן קאָפּ, מיט דער צווייטער — געריבן זיך דעם שטערן. „איז עס אַ חלום געווען? בלויז אַ חלום, אָדער איז עס טאַקע די וואָר?"

זי האָט פלוצעם אָנגעהויבן פיבערן. אַ היץ און אַ שוידער איז איר באַפאַלן. פון פּנים זענען גרויסע טראָפּנס שווייס גערונען. זי האָט זיך מיטן שפּיץ לייַלעך אַרומגעווישט, זיך

אויפגעהויבן, אַרויסגעדרייט ס׳ליכט, צו צום שראַנק, אַרויס־גענומען די צײַטונג און ווידער גענומען לייענען. איין מאָל און נאָך אַ מאָל פון אָנהייב ביזן סוף און אויף צוריק — געלייענט. זי באַמיט זיך רויִק זײַן, כּדי קאָנצענטרירן די געדאַנקען און רויִקייט, נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, געלייענט דעם אַנאָנס.

יאָ. אַצינד ווייסט זי שוין אויף זיכער מיט וועמען זי האָט איר גורל פאַרבונדן: ווער ס׳איז דער טאַטע פון דעם קינד. ווי גרויליק, ווי שרעקלעך ס׳איז איר גאַנץ לעבן. נו, שוין־זשע האָט זיך דאָס לעצטע ביסל גליק צערונען, דער לעצטער אָנשפּאַר? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט.

זי האָט אָנגעהויבן אַלץ פון ס׳נײַ, געוואָלט בויען ווידער אַ היים, פאַרגעסן די גרויליקע פאַרגאַנגענהייט. ווי אומבאַ־מערקט פאַר זיך אַליין, האָט זי אַ בליק געכאַפּט אויפן אויס־טאַטויִרטן נומער פון איר האַנט. זי האָט מיט דער זעלבער האַנט אינסטינקטיוו אַ שאַר געטאָן איבער די אויגן, וואָס קוקן דאָס צו און דערמאָנען איר: קרעמאַטאָריום. מענטש־לעך פלייש און געביין.

ס׳קלינגט איר נאָך אין די אויערן די אימהדיקע שטימע:

— לינקס, רעכטס! לינקס, רעכטס!

זי ווייסט; לינקס איז טויט, רעכטס — אַ פּיצעלע האָפע־נונג. זי מאַכט צו אירע אויגן און אָט שטייט ער פאַר איר — איר ערשטער מאַן, שלמה. זי פילט אויף זיך זײַן לעצטן בליק. אַ מערדערישע האַנט האָט זיי צעשייד בײַם טויער פון געטאָ. זי ציט אויס ביידע הענט, ווי זי וואָלט איר פינף־יאָריקע שיינדעלע און איר זיבן־יאָריקן אַברהמעלע צונעמען פון שלמהן און צודריקן צו זיך. אָט הערט זי שיינדעלעס ווײנענדיק שטימעלע:

— מאַמעלע, כ'וויל נישט גיין אין יענער „שקאָלע"*, כ'וויל זײַן מיט דיר.

עטלעכע רגעס זענען זיי געווען מיט איר. אַ דײַטש און אַ פּוילישער העלפער האָבן די קינדער אַרויסגעריסן פון אירע הענט. מיט געוואַלד זיי צוגעשלעפּט צו שלמהן. שיינדעלע, אַברהמעלע, שלמה — רעד זי צו זיך. און פּלוצעם האָט זי אַ קינדעריש געוויין דערהערט. חנה איז גיך צוגעלאָפן צום בעטל, ווו עס איז געשלאָפן איר צוויי־יאָריק שושנהלע. אַ שמייכעלע האָט פאַרצויגן איר שיין, פול פנימל דערזעענדיק איר מאַמען. חנה האָט אין די רגעס אַלץ פאַרגעסן. אַלע גרויליקע בילדער זענען מיט אַ מאָל אַוועק פון אירע אויגן.

איר פלייש און בלוט, איר שושנהלע — האָט זי צו זיך געזאָגט — און, ווי אַ דורשטיקער וואַנדערער זיך צוגעכאַפּט צו איר מיידעלע און עס באַוואָרפן מיט הייסע קושן.

אַ גליקלעכער, מוטערלעכער שמייכל, האָט אַראָפּגעשײַנט פון איר פנים:

— שושנהלע, מיידעלע מײַנס: ווען דו וואָלסט פאַר־שטאַנען, מײַן קינד, ווי גליקלעך איך בין מיט דיר און ווי אומגליקלעך דײַן מאַמע איז...

עטלעכע מינוט איז זי געשטאַנען איבערן קינדס בעטל, ביז דאָס קינד איז ווידער אײַנגעשלאָפן.

אויף די שפּיץ־פינגער איז חנה אַרויס פון קינדס חדר. אַוועקגעלייגט די צײַטונג און צוגעגאַנגען צום פענצטער.

דער הימל איז געווען טונקל־בלוי. קיין סימן פון רעגן. די לבנה איז געשטאַנען קעגן איר, געקוקט אויף איר, ווי זי

* שקולקע. אין דער שקולקע פלעגט מען אויפזאַמלען קליינע קינדער און זיי דערמאָרדן.

וואָלט איר געוואָלט טרייסטן. חנה האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צו דער קאַלטער שויב אָפּצוקילן דעם פלאַם פון אירע טראַכ־טענישן וועגן פינצטערן עבר. —

ד

באַקענט האָט זי באַריסן נאָך דער באַפרייַונג אין אַ ד.פּ.־לאַגער אין דייַטשלאַנד. ער האָט געאַרבעט אַלס פּאָליציי־מאַן. געקענט האָט מען אים פאַר אַ שטילן, אָרנטלעכן מענטש. אויך זייַן אויסערלעכער אויסזען, זייַנע מאַניערן, האָבן אַלעמען אימפּאָנירט, געוועקט צו אים אַ סך צוטרוי. ער איז תּמיד געווען ערנסט, פאַרטראַכט, סודותפול. אַ גוטן אייַנדרוק האָט געמאַכט אויף אַלעמען זייַן הדרת־פּנים, זייַן התנהגות.

חנה האָט פון לאַנג געפילט אויף זיך זייַנע בליקן. פון אָנהייב האָט זי אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, געמאַכט זיך אַוועק־קוקן. ס'איז אַ זינד קעגן איר טויטן מאַן — האָט זי גע־טראַכט. אויך אירע צוויי קינדערלעך וועלן איר נישט מוחל זייַן, ווייַל טויטע האָבן אַ זכּרון... זי וועט שוין אַזוי דורכ־שטופּן דאָס לעבן — האָט זי באַשלאָסן. ניין. נישטאָ דער כּוח, וואָס זאָל איר באַשלוס ענדערן.

בייַ טאָג האָט זי געאַרבעט אין קיך פון לאַגער. נאָך פרויען, ווי זי, זענען דאָרט געווען. קיין איינע פון זיי האָט נישט פאַרגעסן דעם נאָענטן עבר. פון דעסטוועגן האָט אין אונטערבאַוווסטזייַן פון יעדע איינע גענאָיעט אַ בענקשאַפט. יעדע איינע האָט, ווי עס איז, געזוכט און געפונען אַ שותּף — אַ בעסערן, אַן ערגערן — און אָנגעהויבן אַלץ פון ס'נייַ.

חנה איז געווען די לעצטע. מען האָט איר גערופן „די עקשנטע". אַ סך מענער האָבן זיך צו איר געשדכנט. זי האָט

יעדן אָנבאָט אָפּגעוואָרפן. באָריס איז געוואָרן אַן אַרײַנגייער צו אירע שכנים, וואָס האָבן אים אַרויסגעוויזן אַ סך מיטלײַד.

ער האָט דערציילט, אַז ער האָט פאַרלוירן צוויי קינדער און אַ פרוי. אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, פלעגט זי אים באַגעגענען. זייערע בליקן האָבן צו זיך גערעדט.

זי האָט עס געוואָלט פאַרמײַדן. די נעכט אירע זענען אָבער וואָס אַ מאָל מער געוואָרן — שלאָפלאָזע נעכט... זי האָט געביסן דאָס קישן און אַרײַנגעמורמלט:

— ניין, שלמה, איך וועל דיך נישט פאַרגעסן.

זי האָט אָבער ביסלעכווײַז אָנגעהויבן פילן, אַז באָריסעס בליקן פעלן איר... טאָמער איז ער איין אָוונט נישט געקומען, פלעגט איר באַפאַלן אַ מאָדנער טרויער, אַ נאָגעניש בײַם האַרצן.

זי איז נישט איין מאָל אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, שעהען לאַנג זיך אומדרייען — טאָמער, אפשר, וועט זיך זײַן סילועט באַווײַזן.

אַ פאַרמאַטערטע האָט זי זיך צוריק אין שטוב אַרײַן דער־שלעפּט. פלעגט באַנעצן די קישנס פון בענקשאַפט צו אים.

טעג האָבן זיך געצויגן אין אַ שטומען אויגן־שפּיל. איין מאָל, ווען חנה האָט זיך געדרייט אין דרויסן, איז באָריס פּלוצעם אויסגעוואַקסן קעגן איר. ער האָט צוגענענט צו איר, פעסט גענומען איר אונטער אָרעם, צוגעדריקט צו זיך און אַרײַנגעקוקט אין אירע אויגן און געפרעגט:

— האָסטו מיך געזוכט, חנהלע?

זי האָט זיך פאַררויטלט, צעטומלט און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זײַן דרײַסטקייט האָט איר אַנטוואָפנט. אין עטלעכע טעג אַרום איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער פײַנער, אינ־טעליגענטער באָריס וועט ווערן חנהס מאַן.

זיי האָבן חתונה געהאַט. אַ מיידעלע איז געבוירן געוואָרן.

די שׂמחה איז געווען אַ גאַנצע, אַ פולע. חנה איז געווען גליק־לעך. זי האָט געליבט איר מאַן. פאַמעלעכקע איז דער נאָענ־טער עבר — ווײַטער, פאַרנעפּלטער געוואָרן. די פריִערדיקע שווידערלעכע זכרונות, בילדער — זענען אָפּגעטראָטן. שלמה איז פאַרבליבן אין שאָטן. זײַן אָרט האָט געירשנט באָריס. דער שמייכלענדיקער, צערטלעכער באָריס.

ה

חנה האָט אים שטאַרק ליב געהאַט. „עפּעס שעם איך זיך" — פלעגט זי אַ רויטלענדיקע זאָגן צו אירע גוטע פרײַנד — „אין מײַנע יאָרן, נאָך אַזוי פיל צרות, אַזוי ליב צו האָבן". בעתן זאָגן דאָס פלעגן אירע גרויסע מאַנדל־אויגן ווי פאַרגלע־זערט ווערן פון פרייד־טרערן.

אין די נעכט, ווען זי האָט פּלוצעם געזען אַ שטערן פון הימל אַראָפּפאַלן, פלעגט זי ווי צו זיך אַליין זאָגן:

— אָ, מײַן שטערן!

עס האָט געשאַריעט אויף טאָג. מיט איין אויג האָט דער מאָרגנשטערן אַראָפּגעקוקט צו חנהן. קליינע, ראָזעווע וואָלקנ־דלעך האָבן פאַררויטלט דעם הימל. אויף מזרח האָט זיך אַ פּאַסמע גאָלד באַוויזן.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. אין פּאָדערצימער איז געוואָרן ליכטיק. באָריס האָט אַ לײַכטן הוסט געטאָן און איז אַרײַנגעקומען אין צימער. חנה איז געבליבן שטיין אין דער זעלבער פּאָזע. באָריס האָט זיך געדרייט אַרײַן און אַרויס. ער איז אַרײַן צום קינד און אין אַ מינוט שפּעטער ווידער אַרויס. חנה האָט זיך האַסטיק אַ דריי געטאָן צו באָריסן. עפּעס איז איר מאָדנע אויסגעקומען די גאַנצע זאַך. זײַן דרייען

זיך און זײַן פּנים, וואָס האָט געטויִשט די פֿאַרבן... זי האָט געקוקט אויף אים, געזוכט זײַן בליק. באָריס האָט איר בליק אויסגעמיטן. ער איז שטיין געבליבן מאַכטלאָז. געדאַכט האָט זיך חנהן, אַז די לינקע האַנט זײַנע האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן. בלאַס, מיד, דערשעפּט איז ער לעבן איר געשטאַנען: נישט דער זעלבער באָריס. דער שיינער באָריס איז אַצינד אַ צעבראָכענער זקן. אַן אײַנגעבויגענער, קוים שלעפּנדיק די פֿיס — האָט ער זיך צו איר דערנענטערט. ער האָט איר געוואָלט אָננעמען בײַם אָרעם און איר עפּעס זאָגן. חנה האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט.

— ווי אַזוי וואַגסטו מיך אָנרירן מיט דײַנע פֿאַרבלוטיקטע הענט, וועלכע האָבן געהאָלפֿן די דײַטשישע מערדערס — האָט זי אויסגעשריגן — פֿאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן. דײַן גאַנץ לעבן זאָל דיך די חרטה פּרעסן. גיי פֿון דאַנען. דײַן שושנקעלע וועט זיך שעמען מיט דײַן נאָמען.

באָריס איז געבליבן רויִק. זײַן לינק אויג האָט אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט פֿאַמעלעך זיך אַרײַנגעשאַרט אין קינדערצימער און זיך אַ וואָרף געטאָן צום קינד, געוואָלט עס אַ קוש טאָן. ער האָט זיך אָבער גיך צוריקגעצויגן. געשעפּטשעט צו זיך:

— ווי וואַג איך דאָס צו טאָן. ניין. ניין. איך בין אַ מערדער — אַ מערדער בין איך.

✶

מיט געשטאַרקטע, איבערמענטשלעכע כּוחות איז ער צו צום שופֿלאָד, אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, וואָס איז אײַנגעוויקלט געווען אין אַ שטיקל לײַוונט. חנה האָט אַ געשריי געטאָן.

— שרעק זיך נישט, חנהלע, דו דאַרפסט לעבן. היט שושנהלען. דערציייל איר נישט דעם אמת.

אַ קנאַל האָט זיך דערהערט. באָריס איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטער. זײַן שיינער קאָפּ איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט.

ויהי ערב ויהי בוקר

ויהי ערב ויהי בוקר — יום ראשון.
החזקתי בידה,
יד רכה, ענוגה.
נעצרה לרגע,
כדור פלח לבה,
נפלה.

צעדנו.
קיץ.
היסמין פרח,
שיר דודים ורוד
שר העולם:
משה רבנו וקרני ההוד.
ובידיו — הלוחות.

חייכה השמש זהובת הראש.
מעלינו שמים נחושת.
צעדנו בתופת,
על כתפנו — שנאה לוהטת.
נפלו שניים,
עוד שניים,

עד האחרון —
ויהי ערב ויהי בוקר — יום ראשון.
הי לך כדור
לדורון,
לזכרון.
תני ידך.

אַל תבכי,
יבוא יום
ותשירי שירך.

הבונקר ריק.
נשאָר
זכרון אחד.
חרתה ידו,
בדם לבו
על הקיר.
פה אָהב,
נלחם,
נפל,
שלך צבי —
ויהי ערב ויהי בוקר — יום שני.

נשבה רוח קרה,
המתה,
יללה
כעדת זאֵבים בערבה.
הערב גלש על מדרון ההרים הרי עד.
קודרים,
נמוכים השמים — פני מתאַבד.

התנור נוֹשם,
נוֹשף,
שאֵרית יעקב מכלה, שׂורף.
האָב הקדוש בשם ישוּ מברך
באַהבה נלבבת
ועולמו צלקת מתוּאֶבת.

אַחת בלהבוֹת עולה,
חברתה — בגסיסתה לוֹחשת ;
השאֵר יהודי, בני.
ויהי ערב ויהי בוקר — יום שלישי.

מייללת הרוּח.
נאנקת,
מזנקת,
נחנקת.
רוּח צחנה בכנפיה :
אוֹשביץ,
מידאנק.

לך, שקספיר „ליטרת בשׂר" :
איכלוּ זאֵבים,
שתוּ נמרים,
דם טרי,
דם אמהוֹת וטף,
בלי ממוֹן —
דם ששה מליון.

הובילו אותם בכביש הראשי
לחופת המוות.

שושנים בידם —
צו הרוצחים.
כלבי־גישוש
בצורת אנוש.

ילדות בשמלות לבנות,
עיניהן — כזוהר שמים.
על ראשן — זר סגליות
צעדו :
שניים,
שניים.

יום אביבי.
שמש זהב בחוצות פיזרה.
צלצולי פעמונים. —
י״ש — כמים שפכו,
לדם יהודי התאוו
בני עמלק.

הנה הם, הנה הם,
ילדי צפעונים.
כפרת משיחנו.
הצטלבו : —

חופה של טלית מדם קרוש
על הבור פרשו.
דחפו,
שרפו.
לחופת המוות הובילום בכביש הראשי.
ויהי ערב ויהי בוקר — יום חמישי.

האדימו פאתי הרקיע.
החמה שקעה.
שבת המלכה ירדה.
צופיה
לאָהלי בנות יהודה.
בחלונות המוות עלה.
עצרה:
אָבות על בנים,
אמהות ויונקים,
עוללים וזקנים.
שחוטים,
הרוגים,
שׂרופים.

עלתה למרום,
שאֲלה איש הבדים:
כמה הם נלכדים?
שמעה:
„גזרה היא מלפניי. קבלוהו, מחמדים"
זעקה
שבת המלכה,
זרקה כתרה:
„הוי, רחמינא אדבר לן".

ירדה רחל.
כוס דמעות בידיה: —
„מאנה להתנחם אחרי בניה".

קול יונה הומה — קול חרישי;
לבשי כתרך שבת המלכה,

עוֹד יַדְלִיקוּ בְּנוֹתַיִךְ נֵרוֹת
בְּיוֹם הַשִּׁשִּׁי.
הוֹמֶה, מִתְיַפֵּחַ הַקּוֹל הַחֲרִישִׁי.
וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר — יוֹם הַשִּׁשִּׁי.

אינהאַלט :

7 הקדמה

איכיש

11 פאַר ווע‏מען
12 דאַס גאָלד פון מיין זון
13 די זון
14 דיין אַלבאָם
15 טונקל איז דער וואַלד
16 אָוונטבלי
17 האַרבסט־שטימונג
18 ✶
19 ✶
20 האַרבסט
21 אַ דאַנק דיר
22 מידקייט
23 עפן הימל דיינע פענצטער

אַלטהיים

27 נישטאָ שוין קיין זכר
29 ליטע
30 „נחמו נחמו עמי"

ליבשאַפט

35 בענקשאַפט
37 מוזע
38 הללויה
39 האַרבסטיק
40 טויבן־ליבע
41 צוויי ווערטער
42 דערציייל מיר נישט

גרויל און גבורה

47 דער לעצטער וועג
49 זיי קומען צוריק
50 צו מיין יוגנט־חברטע נאַטאַ
52 קוילן צוויי
53 צו ה. היינע
55 באַבי יאַר
56 אומעטום זע איך אייך
57 פאַרגעסן
59 אסירי ציון
62 צום דייטש
63 אין ד.פּ.־לאַגער

שער ירושלים

67 הכותל
68 באַשיץ זיי, גאָט
69 שער ירושלים
71 דיינע צוועלף טויערן
72 צו דער מאַמען
73 ויהיו דבריך לי לששון
74 ירמיהו הנביא
76 צפת
77 איך און דו
78 חטאתי
80 אשירה לה׳ בחיי
81 לזכר אַ געפאַלענעם חייל
82 „סדנא דארעה חד־הוא"
83 „דעלך סני לחברך לא תעמיד"

פאַעמעס

87 כאַמסק
96 חנה צירל
103 דער עלוי
121 ר׳ שעפּסל־נחמן
133 צום קוואַל פון טרערן

135 **באַריס** (דערציילונג)

149 ויהי ערב ויהי בוקר (עברית)

LEAH BEATUS

SOUL AND LIFE

TEL-AVIV 1982